STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01578

PROBLEMEN FUN SOTSYALIZM IN AMERIKE

Emanuel Scherer

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. עמנואל שערער

פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע

פאַרלאַג „אונזער צייט"
ניו־יאָרק, 1950

PROBLEMS OF SOCIALISM
IN THE UNITED STATES

By Dr. Emanuel Scherer

Published by
Farlag "Unser Tsait"
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Copyright 1950 by Farlag „Unser Tsait"
Printed in U. S. A.

וואוהין גייט די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן? ווי האַלט עס מיט די אויסזיכטן פון סאָציאַליזם דאָ אין לאַנד? וואָס פאַר אַ שטעלונג דאַרפן פאַרנעמען סאָציאַליסטן אין דעם גורל־שווערן קאַמף קעגן די וואַקסנדיקע געפאַרן פון אַ נייער וועלט־מלחמה? וואָס זיינען די נאָענטסטע אויפגאַבן פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע?

מיט די דאָזיקע פראַגן וועלן מיר זיך פאַרנעמען אין די ווייטערדיקע באַטראַכטונגען.

אָבער איידער מיר גייען איבער צו די באַזונדערע פראַגן, איז נויטיק אָנצואווייזן כאָטש עטלעכע פון די אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע פרינציפּן, וואָס זיינען חל אויך אויפן סאָציאַליזם אין אַמעריקע.

אַלגעמיינע פּרינציפּן

מיט צוויי יאָר צוריק, בעת דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד״, האָבן מיר דורכדיסקוטירט און פעסטגעשטעלט די פרינציפּן און ריכטליניעס פון אונזער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער איינשטעלונג. מיר האָבן זיך דאָן אָפּגעשטעלט אויף אַזעלכע עיקרדיקע פראַגן פון דער טעאָריע און פּראַק־טיק פון סאָציאַליזם ווי: באַציאונג צו קאַפּיטאַליזם, צו פאַשיזם, צו קאָמוניזם; די פראַגע פונם וועג צו סאָציאַליזם; דער אַלגעמיינער פּראָב־לעם פון מלחמה־געפאַר און קאַמף פאַר שלום. מיר האָבן דאַן באַזונדערס קלאָר און דייטלעך פעסטגעשטעלט די גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ דעם סאָציאַליזם סיי פונם קאַפּיטאַליזם סיי פונם קאָמוניזם.

„פון צוויי זייטן — האָבן מיר געזאָגט אין דער סאָציאַליסטישער פּרינ־ציפּן־דעקלאַראַציע פון אונזער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ — ווערט דער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט באַדראָט. פון איין זייט באַמיען זיך פאַר־שידענע קאַפּיטאַליסטישע כוחות, מיט די רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישע קרייזן פון אַמעריקע אין דער שפּיץ, צו שלעפּן די וועלט אויף צוריק — צו איר פאַרמלחמה׳דיקן צושטאַנד, צו נייע געפאַרן פון רעאַקציע און פאַשיזם. פון דער צווייטער זייט דראָען די כוחות פון קאָמוניזם אונטער דער אָנפירונג פון דער ריזיק־אויסגעוואַקסענער מיליטערישער מאַכט פון סאָוויעט־רוסלאַנד; זיי טרעטן אַרויס אונטער לאָזונגען פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און אימפּע־ריאַליזם, אָבער אין דער אמתן וואָלט זייער זיג באַדייט די אויסשפּרייטונג פון דער סאָוויעטישער פאָרם פון ברוטאַלן טאָטאַליטאַרן רעזשים איבער נייע פעלקער און לענדער״.

די דעקלאַראַציע האָט אויך קלאָר דעפינירט דעם זין, דעם ציל און דעם וועג פון סאָציאַליזם — אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס. „דער ציל פון סאָציאַ־ליזם—זאָגט ווייטער די פּרינציפּן־דעקלאַראַציע—איז צו באַפרייען די אַרבעטנ־

דיקע מענטשהייט פון יעדער מין עקספּלאָאַטאַציע און גלייכצייטיק פאַרזיכערן די פרייהייט און פולע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייט פון יחיד, פון פאָלק און פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע״.

אָבער נישט בלויז דער ציל, אויך דער וועג פון סאָציאַליזם איז אַ פרייהייטלעכער, אַ דעמאָקראַטישער. דער דאָזיקער תוך פון סאָציאַליזם שטייט אין אַזאַ פונדאַמענטאַלער סתירה צום קאָמוניזם, אַז עס קען נישט זיין קיין רייד וועגן „איינהייט״ אָדער „איינהייטלעכע פראָנטן״ צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

אויך אין דעם פּרט איז אונזער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע קלאָר און אומצווייַדייטיק. „סאָציאַליזם און קאָמוניזם — זאָגט די דעקלאַראַציע — שטעלן מיט זיך פאָר צוויי קעגנזעצלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע סיסטעמען און באַוועגונגען... קאָמוניסטן ווילן אין דער אמתן נישט קיין צוזאַמענאַרבעט נאָר אַ פאַרניכטונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איינהייטלעכער פראָנט אָדער אָרגאַנישע איינהייט מיט קאָמוניסטן זיינען היינט פּשוט אַ ווערקצייג פון דער סאָוויעטישער מאַכט־פּאָליטיק״.

די געשעענישן פון די לעצטע צוויי יאָר האָבן פולשטענדיק און באמת בלוטיק באַקרעפטיקט די ריכטיקייט פון אָט דער שטעלונג און אָפּשאַצונג. און אַזוי בולט־קלאָר איז די שפּראַך פון אָט די געשעענישן, אַזוי באַשיינפּערלעך אמתדיק דערשיינען אין זייער ליכט אונזערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, אַז עס איז איצט אַבסאָלוט איבעריק נאָכאַמאָל אויפצוהייבן די באַשלאָסענע און אין אונזערע מוחות און הערצער אָפּגעשלאָסענע פראַגע פון אונזער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער איינשטעלונג.

די אויפגאַבע וואָס איך שטעל זיך דאָ איז צו באַטראַכטן אויפן באָדן פון אונזערע אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן דעם פּראָבלעם — אָדער די פּראָבלעמען — פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע.

מלחמה־געפאַרן — און טאָטאַליטאַריזם

אַמעריקע איז היינט נישט מער דאָס לאַנד פון פּאָליטישן איזאָלאַציאָניזם. אַמעריקע איז דער וויכטיקסטער מאַכט־צענטער פון דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט. זי שפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָל אויף אַלע געביטן פון דער וועלט־פּאָליטיק. און שוין צוליב דעם אַליין קען מען נישט ריידן וועגן די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע, נישט באַרירנדיק די פראַגע פון אַלע פראַגן, די פראַגע, פון וועלכער עס איז אָפּהענגיק אַלץ, טאַקע בוכשטעבלעך אַלץ — אויך דער סאָציאַליזם אין אַמעריקע — די פראַגע פון קריג און שלום.

עס איז נישט נאָר אַ גרויסע טראַגעדיע, נאָר אויך אַ ביטערער חוזק, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט — קוים פינף יאָר נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — איז די מענטשהייט ווידער באַדראָט פון אַ נייעם, דאָס מאָל שוין אַטאָמישן, וועלט־קריג. נאָך טראַגישער איז דער פאַקט, וואָס דער שרעקלעכער געשפּענסט פון אַן אַטאָמישער וועלט־שׂרפה שוועבט איצט איבער אונז צוליב דער שולד פון סאָוויעטישן קאָמוניזם. די פאַרגאַנגענע

פינף יאָר סאָוויעטישע נאָך־מלחמה־פּאָליטיק, און באַזונדערס דער ביישפּיל פון קאָרעאַ באַווייזן, אַז פּונקט ווי היטלער ערב 1939, אַזוי איז היינט סטאַלין די גרעסטע געפאַר פאַרן שלום פון דער וועלט.

די דאָזיקע ווערטער דאַרף מען נישט טייטשן ווי אַן אידענטיפיצירונג פון קאָמוניזם מיטן פאַשיזם. צווישן קאָמוניזם און פאַשיזם זיינען פאַראַן נישט נאָר ענלעכקייטן, נאָר אויך גרויסע — און אין טייל הינזיכטן אויך וועזנטלעכע — אונטערשידן. דער פאַשיזם איז אַ פאַרקריפּלטער, טאָטאַליטאַרער קאַפּיטאַליזם. דער קאָמוניזם איז אויך טאָטאַליטאַר, אָבער ער איז אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש, הגם אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואָס איז פרעמד דעם גייסט פון אמתן סאָציאַליזם.

די עקאָנאָמישע באַזע איז אין ביידן אַ פאַרשידענע. אָבער אויף אָט די פאַרשידענע עקאָנאָמישע באַזעס, וואָס אונטערשיידן דעם קאָמוניזם פון פאַשיזם, איז דאָך אויסגעוואַקסן ביי ביידן אַן ענלעכער „פּאָליטישער איבער־בוי“. דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס זעט אויס צו זיין אין סתירה צום מאַרקסיזם און ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פאַרקריפּלטן, קאָמוניסטישן „מאַרקסיזם“, וואָס דווקא ער האָט די דאָזיקע סתירה באַשאַפן. וואָרום לויטן מאַרקסיזם דאַרפן אויפן יסוד פון פאַרשידענע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן אַנטשטיין אויך פאַרשידענע פּאָליטישע אָרדנונגען; און עפּעס שטימט נישט, אויב אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג פון פאַשיזם און אונטער דער אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג פון קאָמוניזם קומען אויף און באַפעסטיקן זיך דיזעלבע אין תוך פּאָליטישע סיסטעמען. אָבער ווי עס זאָל נישט זיין די אויסטייטשונג פון דער דאָזיקער פּאַראַדאָקסאַלער דערשיינונג, איז עס אַ פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אונטערשידן צווישן קאָמוניזם און פאַשיזם, איז דער פּאָליטישער רעזשים און די פּאָליטישע מאָראַל — ריכטיקער די אוממאָראַלישקייט — דאָ און דאָרט דיזעלבע. און דערפון נעמט זיך אויך די אַגרעסיוויקייט, די קריגערישקייט, דער מיליטערישער אימפּעריאַליזם פון די ביידע טאָטאַליטאַריזמען. איין זאַך האָט זיך אין דער הינזיכט יאָ געביטן אין זייער ביידנס ראָל. פריער איז געווען אומגעהויער שטאַרק און במילא אַממערסטן געפערלעך — דער דייטשער פאַשיזם; היינט איז עס — דער סאָוויעטישער קאָמוניזם.

סאָציאַליסטן פלעגן אַמאָל זאָגן: קאַפּיטאַליזם מיינט קריג. היינט דאַרפן מיר עס אויסדריקן אַביסל אַנדערש: טאָטאַליטאַריזם מיינט קריג. אמת, דער קאַפּיטאַליזם רופט ווייטער אַרויס דעם אימפּע־ריאַליזם, אַפילו אין די באַדינגונגען פון פּאָליטישער דעמאָקראַטיע און עס איז דעריבער פאַלש און שעדלעך צו לייקענען, אָדער אויפהערן צו באַקעמפן, די כוחות פון אימפּעריאַליזם, וואָס ווירקן אינעם קאַפּיטאַליסטישן לאַגער. אָבער עפּעס האָט זיך לעצטנס געענדערט אינעם כאַראַקטער און פאַרנעם פונעם קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם. דער דאָזיקער אימפּעריאַליזם איז איצט דער עיקר אַן עקאָנאָמישער; זיינע קאַמף־מיטלען זיינען פרידלעכע; אַפילו ווען ער איז ברוטאַל, איז ער היינט, על פּי כלל, נישט פאַרכאַפּעריש, נישט אַגרעסיוו. אַחוץ דעם — און דאָס איז אין דעם ענין דאָס וויכטיקסטע

— זיינען די אימפעריאַליסטישע טענדענצן נישט די איינציקע, וואָס ווירקן היינט אינם אַמעריקאַנער לעבן. אַמעריקע איז אַ פרייי, דעמאָקראַטיש לאַנד, פיל פרייער און פיל דעמאָקראַטישער, ווי עס איז געווען מיט יאָרן צוריק. דאָס פאָלק איז דאָ בכוח צו צוימען — און צוימט ווירקלעך — דעם אימפעריאַליזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע און לאָזט אים נישט ווערן צו שטאַרק, צו געפערלעך.

גאָר אַנדערש איז אָבער אינם סאָוויעטישן טייל פון דער וועלט. דאָס פאָלק איז דאָרט אוממעכטיק. דער אימפעריאַליזם פונם דיקטאַטאָרישן רעזשים טרעפט נישט אָן אויף קיין שום אינערלעכע שטערונגען. נאָר פון דרויסן קענען קומען שריט און מאָסמיטלען, וואָס זאָלן אָפּשטעלן די אַגרעסיווקייט פון סאָוויעטישן אימפעריאַליזם.

פאַר פרייהייט און שלום

אָבער דאָ קומען מיר צו די סאַמע גורל־שווערסטע פראַגן פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער פּאָליטיק אין אַמעריקע און אין דער גאָרער וועלט. דאָס זיינען פראַגן וועגן דעם בעסטן אופן פון קאַמף פאַר פרייהייט און שלום — פראַגן, וואו עס דעצידירט נישט אונזער וואונטש, נאָר די האַרטע, ביטערע ווירקלעכקייט.

איך האָב געזאָגט: קאַמף פאַר פרייהייט און שלום, נישט בלויז פאַר שלום. די ביידע צילן קענען נישט דערגרייכט ווערן דורך אַ פּאָליטיק פון „אַפּיזמענט", פון קאַפּיטולאַציע לגבי סאָוויעט־רוסלאַנד. אָבער אויך נישט דורך דעם וועג פון פּאַציפיזם; אַ וועג, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געדינט ווי אַ ריכטליניע פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק; אַ וועג, וועלכער בלייבט דער ציל און אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, וועלכער קען אָבער היינט נישט אָנגעווענדט ווערן, ווייל אין דער איצטיקער פּאָליטישער סיטואַציע וואָלט עס געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט ווערט אויסגעליפערט אויפן חסד פון די סאָוויעטישע מאַכטהאָבער.

אויב מיר ווילן זיך נישט פאַרלאָזן אויף סאָוויעטישן „יושר", — „מיר", ד. ה. נישט נאָר סאָציאַליסטן, נאָר אַלע וועלכע ווילן לעבן ווי פרייע מענטשן — דאַן מוזן מיר שטאַרקן אי דעם גייסט אי די אָרעמס, וואָס היטן אונזערע פרייהייטן. אין קאָנסעקווענץ מיינט דאָס אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו באַוואָפנונג, צו מיליטערישער גרייטקייט, צו פּאָליטישע און מיליטערישע אַליאַנסן פון די מערב־לענדער (דער אַטלאַנטיק־פּאַקט) און צו אַנדערע מאָסמיטלען, וואָס זיינען היינט־צו־טאָג נויטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונזערע פרייהייטן.

שוין פריער, ביי אַנדערע געלעגנהייטן, האָבן מיר פעסטגעשטעלט אונזער פּאָזיטיווע באַציאונג צום מאַרשאַל־פּלאַן, ווי אַן אינסטרומענט פאַרן עקאָנאָמישן ווידעראויפבוי פון די צענטראַלע מערב־אייראָפּעאישע לענדער.

אמת, די קאַפּיטאַליסטישע קרייזן פון אַמעריקע נוצן אויס די מאַרשאַל־פּלאַן־הילף אויך ווי אַ מיטל צו פאַרשטאַרקן דעם אייראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם. (דעם דאַזיקן ענין וועלן מיר באַטראַכטן שפּעטער.) אָבער צוליב די פאַקטישע אָדער מעגלעכע מיסברויכן ביי דער דורכפירונג פונם מאַרשאַל־פּלאַן טאָרן מיר נישט פאַרזען דעם עלעמענטאַרן פאַקט, אַז אין אַלגעמיינעם סך־הכל האָט זיך דער מאַרשאַל־פּלאַן אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסער ברכה פאַר דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט, נישט אויסשליסנדיק דאָס סאָציאַליסטיש־רעגירטע ענגלאַנד.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אָבער לאָמיר עס אונטערשטרייכן, כדי אויסצומיידן מיספאַרשטייענישן: ווי אַלע סאָציאַליסטן און דער גרעסטער טייל פון די דעמאָקראַטיש־געשטימטע עלעמענטן האַלטן מיר ווייטער אונטער דעם לאָזונג פון אַ ל ג ע מ י י נ ע ר אַנטוואָפנונג. דאָס איז געווען און איז געבליבן דער בעסטער, דער ווירקזאַמסטער און דער איינציק זיכערער וועג צו אַ באמת דויערהאַפטן און יושרדיקן וועלט־שלום. דער קאַמף פאַר אָט דעם גרויסן און וויכטיקן ציל טאָר אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט ווערן! אָבער מיר גלויבן נישט מער — ווי דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק — אַז א י י נ ז י י ט י ק ע אַנטוואָפנונג איז אויך אַ גוטע זאַך. די דערפאַרונג פון די לעצטע צוואַנציק יאָר האָט געוויזן, אַז ווען בלויז איין צד, דער דעמאָקראַטישער, איז אַנטוואָפנט, שטויסט דאָס דעם באַוואָפנטן, טאָטאַ־ליטאַרן צד צו אַ פּאָליטיק נישט פון שלום נאָר פון אַגרעסיעס. און דעריבער: אַזוי לאַנג ווי די וועלט איז געטיילט אויף אַ דעמאָקראַטישן און אַ טאָטאַלי־טאַרן לאַגער, קען נישט זיין קיין אַנדער אַנטוואָפנונג, ווי בלויז אַן אַ ל ג ע־מ י י נ ע, פון ב י י ד ע צדדים. כל־זמן אַזאַ אמתדיקע אַנטוואָפנונג ווערט נישט דורכגעפירט, דאַרפן מיר, נאַטירלעך, נישט אויפהערן פאַר איר צו קעמפן, אָבער גלייכצייטיק טאָרן מיר אויך נישט אויפהערן צו זאָרגן וועגן דעם כוח פון אונזער אייגענעם צד, וועגן אונזער פאַרטיידיקונג קעגן דעם טאָטאַליטאַריזם.

די איצט פאָרמולירטע פּאָזיטיווע באַציאונג צו פאַרטיידיקונג, צו פּאָלי־טישער און מיליטערישער באַוואָפנונג, וואָס קומט פאָר אין די ראַמען פון דער היינטיקער אָרדנונג, איז לאַנגע יאָרן געווען פרעמד דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז די דאַזיקע שטעלונג איז פאַר אונז איצט אינגאַנצן ניי. ד י ז ע ל ב ע א י ן ת ו ך ש ט ע ל ו נ ג האָבן מיר פאַרנומען ע ר ב און ב ע ת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּשלאָגן דעם אַנגריף פון היטלעריזם. מיר פאַרנעמען זי אויך היינט, ווען אונזערע פרייהייטן ווערן באַדראָט מצד דעם סטאַליניזם. אָבער דירעקט אָדער אומדירעקט זאָגן מיר דערמיט נאָך עפּעס. מיר זאָגן, אַז די ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע — אַפילו די נישט־פולקאָמע דעמאָקראַטיע, פון וועלכער מיר געניסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג — איז ווערטפולער, איידער דער טאָטאַליטאַרער, דיקטאַטאָרישער קאָמוניזם.

פּרעווענטיווע מלחמה ?

צי איז אָבער דערפון געדרונגען, אַז מיר דאַרפן ווערן אָנהענגער פון „פּרעווענטיווער פּאַרטיידיקונג", ווי מאַנכע רופן אָן און פּרוּוון צו פאַר־שענערן די לאָזונג פון פּרעווענטיוון קריג ?

פּאַראַן פאַרשידענע מינים אָנהענגער פון „פּרעווענטיווער מלחמה". פּאָר אַ זייער באַדייטנדיקן טייל פון זיי איז אָט די לאָזונג בלויז אַ מיטל צו פאַרדעקן די אמתע כוונות פון זייער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. אַנדערע שטעלן אַרויס די פאָדערונג פון פּרעווענטיוון קריג בלויז דערפאַר, ווייל זיי האַלטן, אַז דאָס איז דער בעסטער וועג צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַ שפּעטערדיקן אַנגריף־קריג, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד וועט אָנהייבן אין אַ גינסטיקן פאַר איר מאָמענט. דער פאַקט אַליין, וואָס אַרום דער לאָזונג פון פּרעווענטיוון קריג גרופּירן זיך פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן, און צווישן זיי אויך אַ סך פאַרביסענע רעאַקציאָנערן און אימפּעריאַליסטן, דאַרף זיין אַ וואָרנונג קעגן פּראָפּאַגירן די דאָזיקע לאָזונג.

אָבער אויך פון אַ ריין לאָגישן שטאַנדפּונקט איז זי פאַלש און נישט אויסגעהאַלטן. די אָנהענגער פון פּרעווענטיוון קריג קענען אַרויסרוקן פאַר־שידענע מינים אַרגומענטן אויף צו באַרעכטיקן זייער פאָדערונג. אָבער יעדנפאַלס וואָלטן זיי געדאַרפט האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטיצן זיך אָמוויי־ניקסטן אויף צוויי פאָר־הנחות: 1) די פולע קענטשאַפט פון די איצטיקע מיליטערישע כוחות־פאַרהעלטענישן — אונזערע און דעם שונא׳ס; 2) די אָביעקטיווע זיכערקייט אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פונם דריטן וועלט־קריג. ביידע הנחות עקזיסטירן נישט אין דער ווירקלעכקייט. וואָס איז שייך די מיליטערישע כוחות־פאַרהעלטענישן, ווייסן וועגן זיי נאָר יחידי־סגולה און אויך זיי ווייסן אַלצדינג נאָר וועגן אייגענעם לאַנד אָבער נישט וועגן דעם פאַרשלאָסענעם רוסלאַנד. אַזוי־אַרום פאַלט אָפּ די ערשטע הנחה. פּונקט אַזוי פאַלט אָפּ די צווייטע: נישטאָ קיין שום אמתער אָביעק־טיווער באַווייז, אַז די דריטע וועלט־מלחמה איז ווירקלעך אומפאַרמיידלעך. אין סאָציאַלן לעבן זיינען בכלל פאַראַן זייער ווייניק „אומפאַרמיידלעכקייטן". און ווען מען רעדט וועגן דער א. ג. „אומפאַרמיידלעכקייט" פון אַ דריטער וועלט־מלחמה, מיינט מען דערמיט אין אמתן בלויז, אַז זי איז זייער וואַרשיינלעך, אַז עס איז זייער שווער זי אויסצומיידן. אָבער „וואַרשיינלעך" און אַפילו „זייער וואַרשיינלעך" איז נישט דאָס זעלבע, וואָס „אומפאַרמיידלעך". און געוויס טאָר מען נישט פאַרטוישן אָט די דאָזיקע באַגריפן, ווען עס קומט צו דעם טראַגישן פּראָבלעם פון אַ נייער מלחמה־געפאַר. עס וואָלט געווען אַ שרעקלעכע זאַך, אויב דווקא דער דעמאָקראַטישער לאַגער וואָלט דער ערשטער אויפגעגעבן די האָפענונג אויף איינהאַלטן דעם וועלט־שלום.

אַ פּרעווענטיווער קריג איז אויך אַן אַגרעסיע. עס איז אַן אַגרעסיע (אַ פּאַקטישע), וואָס איר ציל איז... „אויסצומיידן" אַן אַגרעסיע (אַ מעג־לעכע). אָבער מיר געהערן דאָך נישט צו די, וואָס האַלטן, אַז דער ציל היי־

ליקט די מיטלען. עס הייליקט נישט די מיטלען דער קאָמוניסטישער ציל, אָבער אויך נישט — אונזער סאָציאַליסטישער, אָדער דעמאָקראַטישער ציל.

ניין, סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן טאָרן נישט אַקצעפּטירן דעם לאָזונג פון א „פּרעווענטיוון קריג". אַזאַ לאָזונג איז נישט באַרעכטיקט, נישט פּאָליטיש און נישט מאָראַליש. און עס איז אַ גליק פאַר דער וועלט, וואָס אַמעריקע איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד און ווי אַזאַ קען זי נישט אָננעמען די דאָזיקע געפערלעכע פאָדערונג.

מיטן פּנים צו די הונגעריקע און אונטערדריקטע!

אָבער דערפון דרינגט נישט, אַז די איינציקע זאַך, וואָס אַמעריקע און די גאַנצע דעמאָקראַטישע וועלט דאַרף טאָן, איז גרייטן זיך צו דער פאַרטיידיקונג אין פאַל פון אַן אָנגריף אויף אונזערע פרייהייטן.

דער כוח פון קאָמוניזם איז נישט נאָר אַ מיליטערישער. קאָמוניזם איז אויך אַ שטאַרקע סאָציאַל־פּאָליטישע קראַפט. עס וועבט זיך אַרום אים אַ גאַנצע לעגענדע — אַ פאַלשע לעגענדע אָבער אַ ווירקנדיקע — וואָס אַפּעלירט צו מיליאָנען און צענדליקער מיליאָנען צווישן די אומצאָליקע מאַסן פון הונגעריקע, ליידנדיקע, אָפּגעשטאַנענע און אונטערדריקטע, מיט וועלכע עס איז פול די ברייטע וועלט. א י ד ע ר די קאָמוניסטן באַהערשן אַ קלענערן אָדער גרעסערן טייל פון די דאָזיקע פאַרפירטע מאַסן, זעען זיי אינם קאָמוניזם זייער אויסלייזער; שפּעטער, נ אָ כ ד ע ם, ווי ער האָט זיי באַהערשט, דערזעען זיי דעם טעות, אָבער עס איז שוין דעמאָלט צו שפּעט. צו אָט די ריזיקע מאַסן מוז די דעמאָקראַטישע וועלט צוקומען. זי מוז צו זיי קומען ר יי ן, נישט קאָמפּראָמיטירט. און דאָס הייסט — נישט פאַרשוואַרצט און נישט פאַרמיאוסט צוליב שותפות מיט די טשיאַנג־קיי־שעקס, פראַנקאָס אָדער אַנדערע רעאַקציאָנערן. זי מוז קומען מיט אַזעלכע אידייען און מיט אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָלן שטיין העכער און אַפּעלירן צו זיי שטאַרקער, איידער די פאַלשע צוזאָגן פון קאָמוניזם. מיט אַנדערע ווערטער: מיר מוזן שלאָגן דעם קאָמוניזם אויפן געביט פון אידייען און פּאָליטיק, אַנטקעגנשטעלנדיק אים א ו נ ז ע ר א י י ג ע נ ע ם ק אַ מ ף קעגן רעאַקציע, קעגן הונגער און אונטערדריקונג, פאַר יושר, פרייהייט און פּראָגרעס.

כאַראַקטעריסטיש: אַ רעדאַקטאָרין פונם סאַמע זאַכלעכסטן, מיושבדיקסטן און מיט סטאַטיסטיק אָנגעלאָדענעם ענגלישן זשורנאַל, „עקאָנאָמיסט", באַרבאַראַ וואַרד, האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין „ניו־יאָרק טיימס" אַן אַרטיקל אונטער אַ מערקווירדיקן קלינגענדיקן נאָמען: „היינט איז אַ צייט פון פּאָעזיע, נישט פאַר סטאַטיסטיק". און זי רופט די דעמאָקראַטישע וועלט צו אַ פּאָליטיק פון ברייטע האָריזאָנטן, פון גרויסער וויזיע, פון הויכע סאָציאַלע אידעאַלן, אַ פּאָליטיק, וואָס זאָל קענען מיטרייסן די הערצער און גלייכצייטיק אויך שטילן דעם מאַטעריעלן דורשט פון די ליידנדיקע מאַסן אין איראָפּע, אַזיע און אַפריקע.

און דאָס איז נישט קיין איזאָלירטער קול. אין אַן ענלעכן זין זאָגן זיך אַרויס אַ סך פירנדיקע שרייבער, פּאָליטיקער, רעגירונגס־מענטשן און אַר־

בעטער־פירער, נישט בלויז פון סאָציאַליסטישן לאַגער. וואָלטער רוטער, דער באַרימטער פירער פון דער גרעסטער אַמעריקאַנער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, די אויטאָמאָביל־יוניאָן, איז דאָ ניט לאַנג אַרויס מיט אַ מעמאָראַנדום, וועלכן ער האָט איבערגעגעבן צום פּרעזידענט טרומאַן. ער באַגנוגנט זיך דאָרט נישט מיט פאָרמולירן שיינע אידעאַלן. ער קאָנקרעטיזירט זיי אויך אין דער פאָרם פון אַ ברייט פאַרמאָסטענעם פּראַקטישן פּראָגראַם פון ממשות־דיקן קאַמף פאַר די סאָציאַלע און פּאָליטישע נויטן פון די פעלקער איבער דער גאָרער וועלט. זיין פּלאַן „פאַר אַ טאָטאַלער שלום־אָפענסיווע" — ווי ער רופט אים — רעדט, אמת, ניט וועגן סאָציאַליזם, אָבער אַלע אַרויסגערוקטע אין אים אידייען און פאָדערונגען אָטעמען מיט סאָציאַליסטישן גייסט.

„די איצטיקע לאַגע אין קאָרעאַ — זאָגט רוטער — איז אַ נעבן־פּראָדוקט פון אונזער דורכפאַל אין כינע... אונזער מפּלה אין כינע איז טיפּיש פאַר דעם אַלגעמיינעם דורכפאַל פון דער מערב־וועלט, וועלכע האָט נישט קיין באַגריף און זאָרגט נישט וועגן דעם סאָציאַלן דינאַמיזם און פערמענט, וואָס רודערט אויף די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע אַזיאַ־טישע פעלקער... מיר האָבן געמאַכט אַ טראַגישן פעלער, גלויבנדיק, אַז דער פרייהייט־קאַמף אין כינע קען געוואונען ווערן בלויז אויף די שלאַכט־פעלדער, בעת מיר האָבן געדאַרפט וויסן, אַז מיר מוזן אים געווינען אויף די רייז־פעלדער." „מיר מוזן טאָן עפּעס ממשותדיקס — זאָגט ווייטער רוטער — כדי צו לייזן די פונדאַמענטאַלע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס דינען דער קוואַל פון קאָמוניסטישער מאַכט". און צווישן אַנדערע לייגט רוטער פאָר, אַז במשך פון הונדערט יאָר — אָנהויבנדיק איצט, אין 1950 — זאָל אַמעריקע בייטראָגן יאָר יערלעך אַ סומע פון 13 ביליאָן דאָלאַר פאַר עקאָנאָמישן און סאָציאַלן איבערבוי פון דער וועלט, נישט אויס־שליסנדיק די לענדער פון סאָוויעטישן בלאָק, אויב די לעצטע וועלן מסכים זיין מיטאַרבעטן אויף גלייכע באַדינגונגען מיט אַנדערע ביים פרידלעכן אויפבוי פון דער וועלט און ביי דער דורכפירונג פון אַ ווירקלעכער, נישט געפעלשטער אַלגעמיינער אָנטוויקלונג.

דערוויל איז פאַראַן אַ קנאַפּער אויסזיכט אויף צו פאַרווירקלעכן רוטערס פּ ו ל ן פּראָגראַם. אָבער אויב אַפילו רוסלאַנד זאָל ווייטער אָפּוואַרפן דעם פאָרלאַנג פון אַ מ ת ע ר אַלגעמיינער אָנטוואָפענונג, איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו רעאַליזירן רוטערס „שלום־אָפענסיווע" אין די אַלע אַספּעקטן, וואָס זיינען נישט אָפּהענגיק פון רוסלאַנדס ווילן. אַזוי, למשל, איז מעגלעך צו מאָביליזירן די גרויסע מאַטעריעלע און מאָראַלישע כוחות פון אַמערי־קע און שטעלן זיי אין דינסט פון די אונטערדריקטע, עקספּלואַטירטע און הונגעריקע איבער דער גאָרער וועלט, און באַזונדערס אין אַזיע. עס איז מעגלעך פאַר אַמעריקע און פאַרן גאַנצן דעמאָקראַטישן לאַגער צו ווערן אַ קעמפער פאַר פרייהייט און ברויט אומעטום וואו ברייטע מאַסן שמאַכטן אין הונגער, נויט און שקלאַפעריי. עס איז אַזויערנאַך מעגלעך צו געווינען פאַרן דעמאָקראַטישן צד דעם ריזיקן פּאָטענציעלן כוח פון נייע ה ו נ ד ע ר ט ע ר מ י ל י אָ נ ע ן מיט־קעמפער און צו דערגרייכן דערמיט אַזאַ גוואַלדיקן סאָציאַל־פּאָליטישן איבערגעוויכט איבער דעם לאַגער פונם סאָוויעטישן טאָ־

טאָליטאַריזם, וואָס דאָס אַליין וואָלט געמוזט מאַכן אַ סוף צו זיין איצטיקן אַגרעסיוון אימפּעריאַליזם.

אָבער די אַלע מעגלעכקייטן זיינען דערוויילן שטאַרק באַגרענעצט. די היינטיקע אַמעריקע קען זיי פּאַקטיש נישט רעאַליזירן. די פּאַראייניקטע שטאַטן זיינען טאַקע אַ דעמאָקראַטישע מלוכה, אָבער דער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פונם לאַנד און דער איינפלוס פון די רעאַקציאָנערע און אימ־פּעריאַליסטישע קרייזן, וואָס לאָזט זיך באַזונדערס שטאַרק פילן אין די באַ־ציאונגען מיט די אָפּגעשטאַנענע לענדער, שטערן אַמעריקע צו ווערן דער טרעגער פון סאָציאַלן יושר איבער דער גאַרער וועלט. די קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע איז אַ מעכטיקער כוח אויף די שלאַכט־פעלדער, אָבער נישט צווישן די אַרבעטער אויף די רייז־פעלדער. כדי צו זיין שטאַרק אויך אויף די רייז־פעלדער — און דאָס הייסט אויך צו זיין שטאַרקער אינם קאַמף פאַרן וועלט־שלום, — מוז אַמעריקע אינערלעך, ביי זיך אין לאַנד, זיך באַפרייען פון שעדלעכע קאַפּיטאַליסטישע איינפלוסן. זי דאַרף אַדורכמאַכן אַזאַ סאָציאַלע און פּאָליטישע איבערגעשטאַלטונג, וואָס זאָל דאָס גאַנצע לאַנד פאַרבינדן מיט די נויטן און שטרעבונגען פון גרויסע, פיל־מיליאָניקע פאָלקס־מאַסן אין דער ברייטער וועלט. אַנדערש געזאָגט, דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם אין אַמעריקע איז אַ סך מער ווי אַן אויפגאַבע פון אינערלעכער פּאָליטיק. ער בינדט זיך מיטן גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן געראַנגל פאַר פרייהייט און וועלט־שלום.

ספקות וועגן סאָציאַליזם און די אַנדערשקייט פון אַמעריקע

אָבער ווי נאָר מיר קומען צו דער פראַגע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע, שטעלט זיך באַלד פאַר די אויגן די גרויסע שוואַכקייט פון דער היגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און עס קומען אויף פאַרשיידענע ספקות, אַז... ווער ווייס... אפשר איז בכלל נישט שייך צו ריידן וועגן סאָציאַליזם אין אַמעריקע. אַמעריקע — הערן מיר — איז אַנדערש ווי אייראָפּע, און מען דאַרף זיך דאָ נישט פאַרדרייען קיין קאָפּ מיט מאַרקסיזם, סאָציאַליזם און ענלעכע זאַכן. איך מיין, אַז עס איז וויכטיק און נויטיק, אַז מיר זאָלן מיטן גאַנצן ערנסט באַטראַכטן די ספקות, וואָס עגבערן נישט איינעם פון אונז ביי צענדליקער געלעגנהייטן.

אַמעריקע איזווירקלעך אין אַ סך הינזיכטן אַנדערש ווי אייראָפּע. די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען געשיכטלעך יינגער, געאָגראַפיש אומפאַרגלייכ־לעך גרעסער, סאָציאַל איינפאַכער, גייסטיק ווייניקער קאָמפּליצירט, איידער די מערסטע אייראָפּעאישע לענדער. דער עיקר אָבער: אַמעריקע איז ר י י־כ ע ר און מ ע כ ט י ק ע ר פון אַנדערע לענדער. איין ציפער, וואָס איז ווערט און לייכט צו געדענקען, באַווייזט דאָס אויפן בולטסטן אופן. די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס נעמען אַרום בלויז 6 פּראָצענט פון דער גאַנצער וועלט־באַפעלקערונג, פּראָדוצירן כמעט אַ העלפט (גענוי 43 פּראָצענט) פונם גאַנצן וועלט־רייכטום. אין מאַנכע וויכטיקע ווירטשאַפט־צווייגן איז דער

אינדוסטריעלער גערויכטס פון אמעריקע נאך גרעסער און דערגרייכט 60, 70, 80 און אפילו מער פראצענט פון דער וועלט־פראדוקציע. דאס איז שוין אפילו א סך מער — ווי סתם „רייכקייט“. דאס איז — עקאנאמישע איבער־מאכט, דאס איז (אין פיל צוויגן) — כמעט ווי אן אינדוסטריעלער מאנאפאל.

עס איז ווערט צו דערמאנען ווי א באווייז פון גרויסער וויטזיכטיקייט פון די באגרינדער פון מארקסיזם, אז נאך מיט יארן און יארן צוריק האבן זיי פאראויסגעזען דעם היינטיקן ווירטשאפטלעכן אויפשוואונג פון אמע־ריקע. אין 1844 — מיט העכער 100 יאר צוריק — ווען די פאראייניקטע שטאטן זיינען נאך געווען א שוואך און זייער יונג לאנד, מיט א באדייטנדיקער איבערגעוויכט פון אגראר־ווירטשאפט, האט פרידריך ענגעלס געשריבן: „אויב עס איז פאראן א לאנד, וואס איז פעאיק צו פארנעמען אן אינדוסטריעלן מאנאפאל — איז עס אמעריקע“. שפעטער, אין די זיבעציקער יארן פון פא־ריקן יארהונדערט, האט ער בפירוש דערקלערט, אז אין גיכן וועט זיך דער אינדוסטריעלער צענטער פון דער וועלט אריבערטראגן קיין אמעריקע.

מען ווייזט אן — און מיט רעכט — אויף א צווייטן וויכטיקן שטריך פון דער אמעריקאנער אייגנארטיקייט אין פארגלייך מיט אנדערע לענדער. דאס איז — דער הויכער לעבנס־סטאנדארד פון דער אמעריקאנער ארבע־טערשאפט. אבער צי איז עס א וואונדער, אדער אן אויסדרוק פון עפעס אן אויסערגעוויינלעכער קאפיטאליסטישער גוטסקייט, ווען אין א לאנד, וואס נעמט ארום בלויז זעקס פראצענט פון דער וועלט־באפעלקערונג און פרא־דוצירט כמעט א העלפט פונם וועלט־רייכטום, האבן די ארבעטער דער־גרייכט א הויכן לעבנס־סטאנדארד? אייגנטלעך, אויף אן אנדערן שטייגער און ביי גאנץ אנדערע באדינגונגען, איז שוין עפעס אזוינס פארגעקומען: אין אלע, אדער אין כמעט אלע געשיכטלעכע עפאכעס האבן די „אונטער־שטע“ קלאסן אויף א געוויסן אופן געגאסן פונם ספעציעלן רייכטום אין די דעמאלט דאמינירנדיקע לענדער.

דער גרויס־קאפיטאל

מיר האבן דערמאנט, אז מארקס און ענגעלס האבן פארויסגעזען די צוקונפטיקע עקאנאמישע מאכט־פאזיציע פון אמעריקע. וויכטיקער דער־פון און פיל עיקרדיקער איז דער פאקט, וואס אין דער אנטוויקלונג פונם אמעריקאנער קאפיטאליזם איז מקוים געווארן א זייער וועזנטלעכער טייל פון דער מארקסיסטישער טעאריע: דאס געזעץ וועגן קאנצענטראציע פון קאפיטאל.

אין קיין שום לאנד פון דער וועלט איז נישט פארגעקומען אזא צענטרא־ליזאציע, אזא צונויפזאמלונג פונם קאפיטאל אין די הענט פון א קליינעם הייפל מענטשן ווי דא אין אמעריקע. די פאראייניקטע שטאטן פראדוצירן, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, כמעט א העלפט פונם אינדוסטריעלן וועלט־רייכטום, אבער א קנאפע העלפט פון דער דאזיקער העלפט, ד. ה. א פערטל פון דער גאנצער אינדוסטריעלער וועלט־פראדוקציע איז אין 1930 געלעגן אין די הענט פון 200 — צוויי הונדערט! — ריזיקע קאפיטא־

ליסטישע קאָרפּאָראַציעס! זיבעצן יאָר שפּעטער — אין 1947 — איז פון די 200 געוואָרן — 113. אַלזאָ: 113 קאַפּיטאַליסטישע ריזן קאָנצענטרירן אין זייערע הענט די הערשאַפט איבער אַ קנאַפּער העלפט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק! און פאַראַן נאָך אַן אַנדערע, נאָך מער שטוינענדיקע ציפער. פאַראַן, נעמלעך, אויספאָרשונגען, לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז נישט מער ווי זעכציק משפחות קאָנטראָלירן — דירעקט אָדער אומדירעקט — די גאַנצעווירטשאַפט פון אַמעריקע.

דאָס זיינען אַלץ ציפערן און אויספאָרשונגען נישט דווקא פון סאָציאַליסטן, נאָר אויך פון עקאָנאָמיסטן, פּאָליטיקער און שרייבער, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון קאַפּיטאַליסטישן ווירטשאַפט־סיסטעם. נישט קיין אַנדערער ווי דער ניו־יאָרקער קאָנגרעסמאַן צעלער — אַ כשרער פאַרטיי־דעמאָקראַט — האָט דאָ נישט לאַנג (אין 1949) דערקלערט אינם קאָנגרעס:

„פיר קאָרפּאָראַציעס האַלטן אין זייערע הענט 64 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער שטאָל־ביזנעס; פיר האָבן 82 פּראָצענט פון קופּער; דריי פאַרמאָגן 85 פּראָצענט פון דער אויטאָמאָביל־ביזנעס; צוויי האַלטן אין זייערע הענט 90 פּראָצענט פונם גאַנצן אַלומינום".

מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען נאָך אַ סך אַנדערע שטוינענדיקע ציפערן. אָבער די, וואָס מיר האָבן שוין געבראַכט, גיבן אויך אַ בילד וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע און מאָנאָפּאָליזאַציע, וואָס האָט אין אַמעריקע דערגרייכט אַ מדרגה וועלכע די וועלט האָט ביז איצט נישט געזען.

דער דאָזיקער פאַקט איז אַזוי בולט, אַזוי באַשיימפּערלעך, אַז אויך קעגנער פון מאַרקסיזם אָנערקענען, אַז זיינע פאָראויסזעאונגען וועגן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל האָבן זיך באַרעכטיקט. אין דעם זין זאָגן זיך אַרויס, צווישן אַנדערע, צוויי באַדייטנדיקע ענגלישע (נישט־מאַרקסיסטישע) סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, ע. פ. מ. דורבין („אינם פאַל פון אַמעריקע איז דאָ אַן איבערוועלטיקנדיקער באַווייז, אַז מאַרקסעס נביאות וועגן דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל איז מקוים געוואָרן...") און ד. ד. ה. קאָל („מיר לעבן אין אַ וועלט — קאָל זאָגט דאָס נישט בלויז וועגן אַמעריקע — אין וועלכער די אַנטוויקלונג פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען איז אַוועק אַ סך ווייטער, איידער אין די צייטן פון מאַרקסן און איז אין טעכנישער הינזיכט אַוועק אין אַ ריכטונג, וועלכע ער האָט פאָראויסגעזען").

די פאַרקלענערונג פון דער צאָל און די פאַרגרעסערונג פון דער מאַכט פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע ריזן איז ביז איצט פאָרגעקומען ביי אַלע באַדינגונגען. קריזיס אָדער פּראָספּעריטי, שלום אָדער מלחמה — דאָס הייפל מאָנאָפּאָליסטן ווערט כסדר אַלץ קלענער, און זייער עקאָנאָמישע אימפּעריע ווערט אַלץ גרעסער. לאָמיר דערלויבט זיין צו ברענגען נאָך איין ציפער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן קריגס־באַשטעלונגען אויף דער קאָלאָסאַלער סומע פון 400 ביליאָן דאָל. 400 ביליאָן דאָלאַר איז אַ סומע, וואָס איז באַלד צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער

יערלעכער פאַרדינסט פון אַלע 150 מיליאָן אַמעריקאַנער איינוואוינער. און אַט וואָס איז געשען מיט דער דאָזיקער ריזיקער סומע: צ ע ן, נישט מער ווי צ ע ן אינדוסטריעלע ריזן (מיר האָבן פריער גערעדט וועגן 200, דאַן וועגן 113, שפּעטער וועגן 60, איצט איז די ציפער צען) — צען קאַפּיטאַ־ליסטישע ריזן („דזשייענטס") האָבן באַקומען אין זייערע הענט 50 פּראָצענט דירעקט און 30 פּראָצענט אומדירעקט, צוזאַמען, הייסט דאָס, 80 פּראָצענט פון די 400 ביליאָן דאָלאַר קריגס־באַשטעלונגען. דאָס איז שוין איינמאָל אַ הויכפּונקט פון ווירטשאַפטלעכער צענטראַליזאַציע: צ ע ן א י נ ד ו ס ט־ר י ע ל ע ר י ז ן זאָלן קענען האַלטן אין האַנט, אָדער אומדירעקט קאָנ־טראָלירן, 80 פּראָצענט פון אַלע רעגירונגס־באַשטעלונגען!

ווער דאָמינירט איבער וועמען?

מען ווייזט אָן דערויף, אַז נישט געקוקט אויף דער גרויס־קאַפּיטאַליס־טישער קאָנצענטראַציע און מאָנאָפּאָליזאַציע וואַקסט פונדעסטוועגן אויך די צאָל פון די קליינע זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען. דאָס איז אמת. פאַראַן היינט טאַקע אַ גרעסערע צאָל קליינע אונטערנעמונגען, ווי ס'איז געווען מיט יאָרן צוריק (אין 1940 — העכער 3.800.000; דערפון אַ סך קליינע וואַר־שטאַטן, באַרבער־שאַפּס, וועשערייען, באַרן, רעסטאָראַנען, לעבנסמיטל־גע־שעפטן, גאַראַזשן, א. אַ.). מעגלעך, אַז מאָרגן וועט זייער צאָל זיין נאָך גרעסער. אָבער צי הייסט דאָס, אַז דערמיט ווערט שוואַכער די אויבערהער־שאַפט פון דעם הייפל קאַפּיטאַליסטישע ריזן איבער דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט?

בשום אופן נישט! אַ סך פון די אַזוי־גערופענע „זעלבשטענדיקע" אונ־טערנעמער פאַרדינען נישט מער און לעבן נישט בעסער איידער די אַר־בעטער. אַ סך זיינען „זעלבשטענדיק" נאָר לפנים, אין דער ווירקלעכקייט אָבער ווערן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען און פאַרדינסטן דיקטירט דורך די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פירמעס (אַזוי איז, למשל, מיט די געזאָלין־סטאַנציעס, גאַראַזשן, לעבנסמיטל־געשעפטן, שעפּער וואָס אַרבעטן אויס טיילן פון אַ פּראָדוקט פאַר די גרויסע פירמעס א. אַ.). ווירקלעך זעלבשטענדיק זיינען מערסטנס אַזעלכע, וואָס טוען אָן אַרבעט, וועלכע איז וויניק, אָדער אין גאַנצן נישט באַרירט דורך די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־אופנים (צ. ב. דאָקטוירים). אָבער אַזוי צי אַנדערש, די אַלע זעלבשטענדיקע, צו־זאַמען גענומען, באַאיינפלוסן נישט אין דער מינדסטער מאָס דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע און מאָנאָפּאָליזאַציע.

זייער טרעפלעך האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט ביי אַן אויספאָר־שונג אינם אַמעריקאַנער קאָנגרעס (אין נאָוועמבער 1949) אַ געוויסער ט. ק. קווין. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַ פירער פון אַ קאַפּיטאַליסטישער ריזן־אונטערנעמונג („דזשענעראַל עלעקטריק"), ער האָט זיך אָבער דערשראָקן פאַר די פאָלגן פונם גרויס־קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָליזם און ער באַקעמפט אים איצט. נישט ווייל ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט, נאָר ווייל ער האָלט— נישט אָן אַ גרונד — אַז די קאַפּיטאַליסטישע ריזן גראָבן אונטער די עקזיס־טענץ גופא פונם קאַפּיטאַליזם.

„מען ווייזט אָן — האָט דערקלערט מיסטער קווין פאַרן אַמעריקאַנער קאָנגרעס — אַז עס זיינען פאַראַן היינט אין ביזנעס מער קליינע פירמעס, איידער עס זיינען געווען פאַרן קריג. און דעריבער, זאָגט מען, איז די עקאָנאָמישע מאַכט ווייניקער קאָנצענטרירט. דאָס איז דאָס זעלבע ווי מען וואָלט געזאָגט, אַז צוליב דעם ווייל עס זיינען געבוירן געוואָרן נאָך אַ מיליאָן רוסן, האָט די מאָסקווער פּאָליטביוראָ ווייניקער מאַכט איידער זי האָט געהאַט פריער"...

דער גרויס־קאַפּיטאַל דאָמינירט איבער די קליינע זעלבשטענדיקע אונטערנעמונגען. אָבער ווער דאָמינירט איבער די קאַפּיטאַליסטישע ריזן גופא? ווער קאָנטראָלירט די מאַכט־האָבער פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמישע אימפּעריעס? ווער הערשט איבער די הערשער?

אפשר די גרויסע צאָל קליינע אייגנטימער פון אַקציעס, די „שער־האָלדערס"?

האָט געזאָגט וועגן דעם אויף דער זעלבער אויספאָרשונג פונם אַמע־ריקאַנער קאָנגרעס דער זעלבער קאַפּיטאַליסטישער ביזנעסמאַן, ט. ק. קווין:

„די פאַרוואַלטונגען (פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קאָרפּאָראַציעס) באַשטימען זיך אַליין און רעגירן אייביק; די באַאַמטע (פּרעזידענטן, דירעקטאָרן א. דגל.) ווערן נישט געוויילט; זייערע פּאָסטנס באַקומען אייגענע, באַאַנטע מענטשן; די איינצלנע אייגנטימער פון די אַקציעס האָבן דאָרט אַזאַ דעה און קאָנטראָל ווי די פּויערים אין רוסלאַנד".

דאָס זיינען ווערטער נישט מיינע, נאָר, ווי געזאָגט, ציטירטע פונם עדות־פאַרהער פון אַ פּראָמינענטן פּראָ־קאַפּיטאַליסטישן ביזנעסמאַן, וואָס קוקט שוין אַליין מיט שרעק אויף דיווירטשאַפטלעכע „מאָנסטערס", וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן און „באַדראָען אונזער דעמאָקראַטיע". „עס פאַרשווינדט די עקאָנאָמישע פרייהייט אין אונזער לאַנד און דעריבער איז אויך די פּאָליטישע פרייהייט ערנסט באַדראָט". (אַלץ ציטירט פון די זעלבע דערקלערונגען).

אין דעם זעלבן זין זאָגן זיך אַרויס אַ סך אַמעריקאַנער — נישט בלויז סאָציאַליסטן. אַזוי צ. ב. איז צווישן די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסטן, שרייבער און פּאָליטיקער פון פאַרשיידענע צדדים ברייט פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפערלעכע אָליגאַרכיע — אַ הערשאַפט פון אַ הייפל, וואָס באַדראָט די פרייהייטן פונם כלל. אַ ריכטער פונם העכסטן געריכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָגלעס, האָט דאָ נישט לאַנג (אין 1948) דערקלערט, אַז די מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן האָט אַ טענדענץ צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ רעגירונג. און טרומאַן אַליין האָט בעת די וואַלן פון 1948 געלאָזט פאַלן נישט איין שאַרף וואָרט אויפן אַדרעס פון די, וואָס היטן די מאַכט־פּאָזיציעס און די אינטערעסן פון זייערע קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן.

איין שריט פֿאָרױס...

מיר האָבן זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דער שילדערונג פון די אַמעריקאַנער גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ריזן־אונטערנעמונגען און מאָנאָפּאָלן, ווייל פון דעם דרינגען אַרויס עטלעכע אויספירן, וואָס זיינען זייער וויכטיק ביים פאַרענטפערן די פראַגע פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע.

דער ערשטער אויספיר איז: אַמעריקע איז אַ לאַנד נישט פון סתם קאַפּיטאַליזם, נאָר פונם העכסטן און מאָדערנסטן מ אָ נ אָ פּ אָ ל ־ ק אַ־ פּ י ט אַ ל י ז ם.

מען זאָגט אונז לעצטנס: צוליב דעם וואָס דער אַמעריקאַנער קאַפּי־טאַליזם אַנטוויקלט זיך מער נישט לויט די כללים פון „פרייער קאָנקורענץ" און פון דער א. ג. „פרייער איניציאַטיוו", צוליב די באַדייטנדיקע פאַרבע־סערונגען אין דער לאַגע פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער, איז שוין אונזער ווירט־שאַפט מער נישט אַלט־קאַפּיטאַליסטיש (אָדער, אַנדערש גערעדט, קלאַסיש־קאַפּיטאַליסטיש); זי איז נישט מער (ווי מאַנכע גיבן צו) ריין־קאַפּיטאַליסטיש — זי איז „געמישט". נו, אַלט־קאַפּיטאַליסטיש (אָדער קלאַסיש־קאַפּיטאַ־ליסטיש) איז זיכער נישט די היינטיקע ווירטשאַפטלעכע אָרדענונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. „פרייע קאָנקורענץ", „פרייע איניציאַטיוו" — די דאָ־זיקע הויפּט־לאָזונגען פונם אַלטן קאַפּיטאַליזם, זיינען היינט פּאַקטיש פּוסטע און הוילע פראַזן. די קאַפּיטאַליסטן גופא (די גרויס־קאַפּיטאַליסטן) טויטן די „פרייע איניציאַטיוו" פון זייערע שוואַכערע קאָנקורענטן און שטעלן איין די אויבערהערשאַפט — אָדער אַ פולן מאָנאָפּאָל — פון זייערע ריזן־אונטערנעמונגען. אָבער אין אַ טייל פון אונזער ווירטשאַפט זיינען פאַראַן אויך פאַרשיידענע אַנדערע, נישט גרויס־קאַפּיטאַליסטישע, עלעמענטן און אין דעם זין איז איצט די אַמעריקאַנער ווירטשאַפט טאַקע אַ „געמישטע". אָבער זי איז אַ ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש געמישטע, מיט אַ קאָלאָסאַלער איבערגעוויכט און איבערמאַכט פון אַ הייפל גרויס־קאַפּיטאַליסטישע און מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליסטישע ריזן.

אַ צווייטער אויספיר, וואָס דרינגט אַרויס פון אָט דעם צושטאַנד איז: די אַנטוויקלונג פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט אַ שטופּע, ביי וועלכער דאָס איינהאַלטן דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון די גרויסע אינדוסטריע־ריזן האָט פאַרלוירן יעדן זין. פאַרוואָס מוז דאָס הייפל גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויפן טאָג־טעגלעכן ווירטשאַפטלעכן — און נישט נאָר ווירט־שאַפטלעכן — לעבן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, אַנגעפירט ווערן דווקא נאָר דורך מענטשן, וואָס זיינען נישט פאַראַנטוואָרטלעך לגבי דער באַפעל־קערונג? פאַרוואָס מוזן די פּרעזידענטן און דירעקטאָרן פון די גרעסטע און וויכטיקסטע פאַרן לאַנד אונטערנעמונגען האָבן אַזאַ גוואַלדיקע מאַכט איבער אַ ריזיקער מאַסע? און פאַרוואָס זאָלן אָט די געציילטע אָבער ריזיקע אונ־טערנעמונגען נישט ווערן פאַרוואַלטעט אינם נאָמען, אינם אינטערעס און אונטער דעם קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט?

פון אַ ריין־טעכנישן שטאַנדפּונקט איז עס איינע פון די לייכטסטע און

איינפאַכסטע זאַכן אַדורכצופירן אָט די ענדערונג און איבערגעבן די גרויסע פריוואַט־קאַפיטאַליסטישע אונטערנעמונגען אין רשות פון כלל. אַן ענדערונג פון די באַלעבאַטים, אָפטמאָל אַפילו בלויז אַן ענדערונג אינם אופן פון ווײלן און קאָנטראָלירן פון דער איצטיקער אָנפירונג — דאָס איז אַלץ, וואָס וואָלט פאַרוואַנדלט די עקזיסטירנדיקע קאַפיטאַליסטישע מאָנאָפאָלן אין סאָציאַליזירטע, ד. ה. פאַרגעזעלשאַפטלעכטע אונטערנעמונגען. צי איז עס נישט, ריין טעכניש, אַן איינפאַכער ענין? די ענגלישע אַרבעטער־רעגירונג האָט געהאַט אַ פיל שווערערע אויפגאַבע ביים נאַציאָנאַליזירן די קוילן־גרובן — און דאָך האָט זי עס דערפילט בשלימות!

איין שריט פאָרויס — נ י ש ט מ ע ר ו ו י א י י ן ש ר י ט ! — און די מאָנאָפאָלן פאַרלירן זייער קאַפיטאַליסטישן פרצוף. אייגנטלעך, זיינען דאָס שוין היינט אונטערנעמונגען, וועלכע זיינען אין טעכנישן זין, לויט זייער גרויס און אַרבעטס־אופנים, געזעלשאַפטלעך. דער שוין דערמאָנטער ביזנעסמאַן, ט. ק. קווין האָט עס אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „לויטן כאַראַקטער פון איר אָרגאַניזאַציע, מעטאָד און אופן פון קאָנטראָל איז אונזערווירטשאַפט (געמיינט די ווירטשאַפט פון די גרויס־קאַפיטאַליסטישע אונטערנעמונגען — ע. ש.) שוין אין אַ גרויסער מאָס קאָלעקטיוויסטיש... די גיגאַנטישע קאָרפּאָראַציעס זיינען שוין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָבער אונטער אַ פריוואַטן קאָנטראָל". מיט אַנדערע ווערטער, די סטרוקטור פון די גרויס־קאַפיטאַליסטישע קאָרפּאָראַציעס איז געזעלשאַפטלעך, די הערשאַפט אָבער און די רווחים זיינען—אינדיווידואַליסטיש. איז דאָס נישט אַ באַשיימפערלעכע סתירה? אַ סאָציאַלער אומזין? ליגט נישט עפּעס אַ מאָדנע אינערץ אין דעם פאַקט, וואָס אַ לאַנד, וואו דער פאַרלאַמענט ווערט געוויילט אַלע צוויי יאָר, דער פרעזידענט אַלע פיר יאָר און וואו כמעט יעדעס יאָר קומען פאָר פאַרשיידענע פאָליטישע וואַלן—ליגט נישט אַן אינערץ אין דעם פאַקט, וואָס אַזאַ דעמאָקראַטיש לאַנד דערלאָזט נאָך אַלץ אויפן עקאָנאָמישן געביט די הערשאַפט פון אַ הייפל קאַפיטאַליסטישע באַראָנען?

„מאַשינען־צעשטערער" — און „טראָסטן־צעשטערער"

ברייטע אַמעריקאַנער קרייזן — נישט נאָר אונזער שוואַכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, נאָר טאַקע ברייטע אַמעריקאַנער קרייזן — ו ו י ל ן נ י ש ט דעם דאָזיקן צושטאַנד. זיי בונטעווען זיך קעגן אים. זיי פאַרלאַנגען אַן ענדערונג. דאָס באַווייזט צום בעסטן דער קאַמף קעגן די טראָסטן, וואָס דויערט שוין 50 יאָר.

דער קאַמף איז געוואָרן פאַרשפּילט. ער האָט ג ע מ ו ז ט ווערן פאַרשפּילט: ער האָט זיך געשטעלט אַ פאַלשן ציל. ענלעך ווי די אַמאָליקע לודיטן, די „מאַשינען־צעשטערער", וואָס האָבן ביים אויפקום פון קאַפּיטאַליזם געבראָכן טויטע מאַשינען, אַזוי האָבן אונזערע מאָדערנע אַמעריקאַנער „טראָסטן־צעשטערער" געוואָלט צעברעכן נישט די סאָציאַלע נאָר די טויטע טעכנישע סטרוקטור פון די גרויס־קאַפיטאַליסטישע אונטערנעמונגען און

מאָנאָפּאָלן. דאָס האָט זיך נישט געקאָנט איינגעבן. כ'וואָלט געזאָגט מער: עס האָט זיך נישט געדאַרפט איינגעבן. ווייל — מיר דאַרפן נישט פירן קיין קאַמף קעגן טעכנישן פאַרשריט, קעגן טעכנישער קאָנצענטראַציע, נאָר קעגן איר סאָציאַלן מיסברויך, קעגן פאַרוואַנדלען די טעכנישע קאָנצענטראַציע פון מאַשינען און אונטערנעמונגען אין אַ קאָנצענטראַציע פון געזעלשאַפטלעכער מאַכט, אויסגעאיבט פון אַ הייפל יחידים איבער אַ מאַסע פון מיליאָנען.

אָבער ווי לאַנג קען עס אַזוי געדויערן, ביז די זעלביקע ברייטע קרייזן, וואָס האָבן געפירט דעם פאַרשפּילטן קאַמף קעגן דער טעכנישער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל וועלן איינזען, אַז **נישט די גרויסקייט נאָר די פירונג און הערשאַפט** פון די קאַפּיטאַליסטישע מאָנאָפּאָלן איז דאָס **אייגנטלעכע בייז**, וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן? אָבער צי די דאָזיקע ווענדונג וועט קומען פריער אָדער שפּעטער, שוין היינט איז קלאָר: אין **דער דאָזיקער** ריכטונג גייט די אַנטוויקלונג, אין **דער** ריכטונג באַוועגט זיך דער עקאָנאָמישער געדאַנק פון גאַנץ באַדייטנדיקע און איינפלוסרייכע אַמעריקאַנער קרייזן, אין **דער** ריכטונג פירט דאָס לעבן. און סאָציאַליסטן, קענען און דאַרפן שעפּן דערפון די אינערלעכע זיכערקייט, אַז דאָס דעמאָקראַטישע אַמעריקע וועט נישט קאָנען לאַנג דולדן דאָס באַלעבאַטעווען פון עקאָנאָמישע קעניגטימער.

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם גרויסן אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלער, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ סאָציאַליסט, דר. שטיינמעץ: ווי אַזוי קען ער פאַראייניקן זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען מיט אַרבעט אין אַ גיגאַנטישער קאַפּיטאַליסטישער קאָרפּאָראַציע („דזשענעראַל עלעקטריק")? האָט ער דערויף געענטפערט מיט אַ פראַגע: צי איז דען פאַראַן אַן אַנדער זאַך, וועלכע קען גיכער ברענגען דעם סאָציאַליזם, איידער די אַנטוויקלונג פון די גיגאַנטישע פּריוואַטע קאָרפּאָראַציעס?

און באמת: אויף וויפל עס גייט וועגן די **עקאָנאָמישע** פאַרבאַדינגונגען פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — און מיר ריידן דערווייל נאָר וועגן די ריין-עקאָנאָמישע פאַרבאַדינגונגען פון סאָציאַליזם אין אַמעריקע — זיינען זיי דערגרייכט געוואָרן טאַקע און קודם-כל אַ דאַנק דער גרויסער צענטראַליזאַציע און פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטרי.

עס איז ווערט צו דערמאָנען אין שייכות דערמיט אַ געדאַנק, וואָס האָט במשך פון צענדליקער יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אַ סך דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליזם. איך מיין דאָ אַ באַרימטן אויספיר, וואָס איז פאַראַן אין מאַרקס „קאַפּיטאַל". אויף אַ געוויסער היכער שטופּע פון אַנטוויקלונג — לייענען מיר דאָרט — באַשאַפט די צענטראַליזירונג פון די פּראָדוציר-מיטלען אַ צושטאַנד, ביי וועלכן די געזעלשאַפט קען מער נישט פאַרטראָגן די קאַפּיטאַליסטישע באַלעבאַטישקייט פון די צענטראַליזירטע ריזן-אונטערנעמונגען. דעמאָלט — זאָגט מאַרקס — שלאָגט אויפן געשיכטלעכן זייגער די לעצטע שעה פון קאַפּיטאַליזם...

די שעה האָט געשלאָגן. עס איז איצט מעגלעך אין אַמעריקע אַ לעבן אין פרייהייט, וואוילשטאַנד און עקאָנאָמישער זיכערקייט פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד. אָבער דער זייגער פון דער מענטשלעכער געשיכטע אַרבעט נישט ווי אַן אויטאָמאַט: ער פאַרווירקלעכט נישט אַליין זיינע געבאָטן. פון די מענטשן גופא, פון זייער ווילן און באַוואוסטזיין, איז אָפּהענגיק דאָס פאַרוואַנדלען די היסטאָרישע מעגלעכקייטן און געבאָטן אין רעאַלע טאַטן. און דע־ריבער, נישט געקוקט אויף די גינסטיקע ע ק אָ נ אָ מ י ש ע באַדינגונגען, וואָס עס האָט פאַרן סאָציאַליזם צוגעגרייט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, קען עס נאָך דויערן ביז עס וועט דאָ ווירקלעך אויפקומען די אָרדענונג פון פרייהייטלעכן, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

דריי מעגלעכקייטן

אָבער צי איז פאַראַן אַ גרונד פאַר דער מיינונג, אַז די קומענדיקע אָרדענונג וועט זיין אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע?

די דאָזיקע פראַגע ברענגט אונז צו נאָך עטלעכע אויספירן, וואָס דרינגען אַרויס פון אונזער גרונט־הנחה — די ציפערן און פאַקטן וועגן דעם אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם.

טעאָרעטיש זיינען פאַראַן דריי אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון אַן אָר־דענונג, אין וועלכער עס געוועלטיקט ווירטשאַפטלעך אַ הייפל מער אָדער ווייניקער זעלבסטהערשערישע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ריזן.

די ערשטע מעגלעכקייט: דער רעזשים און כאַראַקטער פון די מאָנאָ־פּאָלן ווערט אַריבערגעטראָגן אויף דער מלוכה — דעמאָלט באַקומט זיך פ אַ ש י ז ם. און פאַשיזם מוז נישט זיין נאָר אין דער היטלעריסטישער געשטאַלט, ער קען זיין אויך אין אַ „ווייכערער“, „מילדערער“ פאָרם. אַגב, די מעגלעכקייט פון אַ „ווייכן“ אַמעריקאַנער פאַשיזם ווערט נישט אויסגעש־לאָסן מצד אַ רייע שרייבער און דענקער — נישט־קאָמוניסטן. אַזוי, למשל, האָט פּראָפעסאָר אַלבערט לויטערבאַך געשריבן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק: „אויב מיר וועלן נישט שטיין אויף דער וואַך, וועלן מיר דערגיין צו אַ פאַ־שיסטישן טאָטאַליטאַריזם אונטער דעם דעקמאַנטל פון אַ פאַרטיידיקונג פון דעמאָקראַטיע קעגן קאָמוניסטישן טאָטאַליטאַריזם“. — דאָס איז, ווי געזאָגט, א י י ן מעגלעכקייט פון אַנטוויקלונג, און מיר מיינען און האָפן, אַז די דעמאָקראַטישע אַמעריקע וועט צו איר נישט דערלאָזן.

די צווייטע מעגלעכקייט איז: טאָטאַליטאַרער ק אָ מ ו נ י ז ם, אָדער אַ געוויסע ווערסיע פון אָרוועלס „1984“ — אַן אָרדענונג, וואו אַלץ איז מאָ־נאָפּאָליזירט (כלומרשט אין נאָמען פון הויכע אידעאַלן), וואו יעדער טראָט פונם מענטש איז קאָנטראָלירט און דער יחיד איז בלויז אַ קליינטשיק שרייפעלע אין דער אומגעהויערער, פון איין פונקט קאָנטראָלירטער, מלוכה־מאַשין. די היינטיקע אַמעריקע איז, בכלל גענומען, הימל־ווייט פון אַזאַ צושטאַנד. אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אינם סאַמע וועזן פון אונזערע היינטיקע ריזן־אונטערנעמונגען, איז נישט אינגאַנצן אויסגעשלאָסן אויך אַזאַ ענדערונג ווי דאָס פאַרבייטן די אינדיווידועלע הערשאַפט און

פראָפיט־ווירטשאַפט פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען דורך אַ הערשאַפט אין נאָמען פון קאָמוניזם, צי פון אַן אַנדערער כלומרשט „וואוילטעטיקער" טאָ־טאַליטאַרער מלוכה־אידייע.

בלייבט די דריטע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייט פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם: די אויספּרייטונג פון דער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע אויף דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן; די פּאַרוואַנדלונג פונם הייפל עקאָנאָמישע קעניג־טימער אין סאָציאַלע רעפּובליקן; דאָס איז, מיט אַנדערע ווערטער, די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַליזאַציע, סאָציאַליזאַציע, אָדער אין פּשוטן יידיש, פאַר־געזעלשאַפטלעכונג פון די א. ג. שליסל־פּאָזיציעס פון אונזער ווירטשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז אויך אין תוך אונזער דריטער וועג — די אָרדענונג פון אַ דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

איך מוז דאָ אויפמערקזאַם מאַכן אויף איין פּונקט. געוויינטלעך, ווען מיר ריידן וועגן דריי מעגלעכקייטן, אָדער דריי וועגן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, האָבן מיר אין זינען די וועגן פון קאַפּיטאַליזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם. דאָס איז, מיין איך, נישט אינגאַנצן פּינקטלעך. דער היינטיקער קאַפּיטאַליזם באַזונדערס דער מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליזם, קען זיך מער נישט האַלטן במשך פון אַ לענגערן צייט־פּעריאָד אַ ז ו י ו ו י ע ר א י ז. פריער אָדער שפּעטער מוז ער אָפּטרעטן זיין פּלאַץ צו אַן אַנדער אָרדענונג, און לויט אַלע פאַראַנענע סימנים און דערפאַרונגען קען דאָס זיין אָדער פאַשיזם (ווי געזאָגט, מעגלעך אין פאַרשיידענע פאָרמען), אָדער קאָמוניזם, אָדער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם. דעריבער טאַקע ריידן מיר דאָ נאָר וועגן אָט די דריי עווענטואַליטעטן פון אונזער וייטערדיקער סאָציאַלער אַנט־וויקלונג.

לאָמיר אָבער באַטראַכטן דעם דאָזיקן ענין אַ ביסל נענטער.

דער ו ו ע ל ט ־ קאַפּיטאַליזם האָט אין מזרח פאַרלוירן אַ שטח מיט 800 מיליאָן מענטשן — אַ ד ר י ט ל פון דער גאַנצער וועלט־באַפעלקערונג. עס איז אַ גרויס אומגליק פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס די דאָזיקע ריזיקע טעריטאָריע און מענטשן־מאַסע איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דעם טאָטאַלי־טאַרן, דיקטאַטאָרישן קאָמוניזם. אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז פאַרן קאַ־פּיטאַליזם איז זי פאַרלוירן.

אין מערב־אייראָפּע איז, אמת, די לאַגע פון קאַפּיטאַליזם נישט אַן ערך בעסער. אָבער אויך דאָ גייט אים שוין לאַנג מיט דער פוטער אַראָפּ. און אין 1945 האָט ער באַקומען אַ טויט־קלאַפּ מיטן קומען צו דער מאַכט פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי און מיטן גרויסן דעמאָקראַטיש־סאָציאַ־ליסטישן עקספּערימענט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן אינם סאַמע מוטערלאַנד פון דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם. אָבער אויך אין די אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע לענדער, אַפילו אין די, וואו עס האָבן נאָך די אויבערהאַנט די בירגערלעכע פּאַרטייען, איז דער קאַפּיטאַליזם ווירטשאַפטלעך און געזעלשאַפטלעך באַנ־קראָט: אומפעאיק צו שטיין פעסט אויף די אייגענע פיס, אומפעאיק בייצו־קומען די שוואַכקייטן, פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן, פון וועלכע ער ווערט צעריסן.

קאַפּיטאַליזם אין איין לאַנד

שטאַרק און קרעפטיק איז היינט צו טאָג דער קאַפּיטאַליזם בלויז און אויסשליסלעך אין איין לאַנד — אין אַמעריקע.

אָבער דאָס איז אַ קנאַפּע סגולה פאַרן קיום פון דער דאָזיקער אָרדע־נונג. אין דער ביז־איצטיקער געשיכטע פון דער מערב־ציוויליזאַציע, צו וועלכער מיר געהערן, איז נאָך נישט געווען קיין פאַל, אַז אַ געגעבענער סאָציאַלער סדר זאָל זיך האָבן געהאַלטן אין א י י ן לאַנד, בשעת ער איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און אונטערגעגאַנגען אין אַלע אַנדערע לענדער. סאָציאַליזם אין איין לאַנד (און דערמיט מיין איך דאָ דעם פּראָבלעם גופא פון סאָציאַליזם אין איין לאַנד, נישט דעם כלומרשטן „סאָציאַליזם״ פון סאָוויעט־רוסלאַנד) קען מעגלעך זיין ביי געוויסע גינסטיקע אומשטענדן. און אפשר די וויכטיקסטע סיבה פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער סאָציאַליזם איז, ווי אַן א ו י פ ג י י ע נ ד י ק ע אָרדענונג, פּראָגרעסיווער און אַטראַקטיווער איידער דער קאַפּיטאַליזם. אַנדערש איז אָבער איצט מיטן קאַפּיטאַליזם אין איין לאַנד. דער פאַקט גופא, וואָס ער איז שטאַרק און מעכטיק ב ל ו י ז אין איין לאַנד איז אַ רעזול־טאַט פון מ פ ל ו ת, וועלכע די דאָזיקע אָרדענונג האָט געליטן אין אַנדערע לענדער. עס איז אַ געוויסער אויסדרוק פונם אַלגעמיינעם אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם. און טאָקע דערפאַר ווייל אין דער איצטיקער תקופה איז דער קאַפּיטאַליזם, בכלל גענומען, אַן אונטערגייענדיקע אָרדענונג, קען ער אויך נישט האָבן קיין דויערהאַפטן קיום אין איין לאַנד. (אַמאָל, ווען דער קאַפּיטאַליזם אַליין איז געווען אַן אויפגייענדיקע אָרדענונג, האָט ער זיך געקאָנט צענדליקער יאָרן האַלטן אויף אַ באַגרענעצטן שטח, נישט געקוקט וואָס אַרום אים האָט געהערשט דער פעאָדאַליזם, ווייל דער לעצטער איז שוין דאַן געווען באַנקראָט און געגאַנגען באַרג־אַראָפּ).

די קאַפּיטאַליסטישע קרייזן פון אַמעריקע פאַרשטייען — אָדער פילן מיט זייער קלאַסן־חוש — די אוממעגלעכקייט פון זייער סיטואַציע. די אומ־מעגלעכקייט נישט ביים היינטיקן טאָג, נאָר מאָרגן און איבערמאָרגן. זיי ווייסן, אַז אַפילו דער שטאַרקער און מעכטיקער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם קען זיך נישט האַלטן א י י נ ע ר א ל י י ן, אַז זיין גורל איז היסטאָריש געבונדן מיטן גורל פון קאַפּיטאַליזם אין דער גאָרער וועלט, און באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע. טוען טאָקע די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישע קרייזן אַלץ וואָס זיי קענען, כדי צו שטאַרקן די פּראָ־קאַפּיטאַליסטישע כוחות אין אַנדערע לענדער. זיי טוען עס אויף פאַרשיידענע אופנים — דירעקט און דורך אויסנוצן זייער איינפלוס אויף דער מלוכה. זיי באַמיען זיך, אַז די נויטיקע און וויכטיקע הילף, וואָס אַמעריקע גיט אַנדערע לענדער (מאַרשאַל־פּלאַן א. אַ.), זאָל געגעבן ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל דערפון גע־שטאַרקט ווערן דער קאַפּיטאַליזם און דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס אויף די ערטער.

עס איז געוויס אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטן אין אַמע־

ריקע, און נישט בלויז פון די סאָציאַליסטן נאָר אויך פון אַלע אַנדערע אויפריכטיקע דעמאָקראַטן, צו באַקעמפן דאָ אויפן אָרט די אַלע באַמיאונגען, אָדער ממשותדיק דורכגעפירטע אַקטן פון קאַפּיטאַליסטישן דרוק לגבי אַנ־דערע לענדער. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אַ שווערע; נישט אַלע מאָל ווערט זי ווי געהעריק דערפילט. און שווער איז זי צוליב דער שוואַכקייט פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צוליב דער נישט־גענוגנדיקער פּאָליטישער אַקטיוויטעט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, און קודם כל צוליב דעם גרויסן איינפלוס, וואָס עס איבן אויס ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן די פאַרשיידענע עלעמענטן פון אונזער היימישער רעאַקציע.

אָבער ווי שטאַרק עס זאָלן נישט זיין דאָ אין לאַנד די כוחות, וואָס שטיצן אָדער ווילן שטיצן דעם קאַפּיטאַליזם אין אַנדערע לענדער, — זייער אייגנטלעכן ציל קענען זיי דאָך נישט דערגרייכן.

אַמעריקע איז שטאַרק און רייך. שטאַרק און רייך איז דער אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליזם און קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. אָבער אַפילו די ביז גאָר רייכע און שטאַרקע אַמעריקע, וואָס קען אַזוי פיל עקספּאָרטירן אין אַנדערע לענדער, איז נישט אימשטאַנד אַריבערצופירן אַהין די א י י ג נ א ר ט י ־ ק ע אָ ב י ע ק ט י ו ו ע ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן, וועלכע זיינען נויטיק פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. מיט אַנדערע ווערטער: אַמעריקע קאָן נישט באַזאָרגן קיין נייע אַנטוויקלונגס־מעגלעכ־קייטן פאַרן קאַפּיטאַליזם אין די לענדער, וואו די דאָזיקע אָרדענונג האָט זיך שוין אויסגעלעבט און גייט אונטער.

אַמעריקע, הייסט דאָס, מוז פאַרבלייבן דאָס איינציקע לאַנד אויף דער וועלט מיט אַ שטאַרקן און נאָך לעבנספעאיקן קאַפּיטאַליזם. און דעריבער, קוקנדיק פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און נעמענדיק אין אַכט די גע־שיכטלעכע דערפאַרונג מיט די פריערדיקע סאָציאַלע אָרדענונגען, קומען מיר צום אויספיר, אַז אויך דער שטאַרקער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם קען נישט האָבן קיין דויערהאַפטן קיום צוליב דעם וואָס ער איז בלויז אַ גיבור צווישן די פאַלנדיקע וואַנט פונם צעטרייסלטן קאַפּיטאַליסטישן וועלט־בנין.

דער „וועלפער־סטעיט"

אָבער אויך די א י נ ע ר ל ע כ ע סאָציאַל־פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון אַמעריקע, אַחוץ די שוין פריער אָנגעוויזענע סתירות פונם מאָנאָפּאָל־קאַ־פּיטאַליזם, שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דעם ווייטערדיקן קיום פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם.

אַמעריקע האָט אין די לעצטע 15־20 יאָר אַדורכגעמאַכט גרויסע און טיפע סאָציאַלע ענדערונגען. די פריערדיקע כמעט אומבאַגרענעצטע הער־שאַפט פון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס איז געוואָרן באַשרענקט. די ברייטע מאַסן פונם אַרבעטנדיקן פאָלק, באַזונדערס דער אַרבעטער־קלאַס, האָבן דערגרייכט אַ באַדייטנדיק העכערן ווי פריער לעבנס־סטאַנדאַרד; האָבן באַקומען אַרבעטסלאָזע־ און עלטער־פאַרזיכערונג; וועלן וואָרשיינלעך אין גיכן דער־

גרייכן אויך אַ קראַנקן־פאַרזיכערונג. און צו דעם אַלעמען קומט צו נאָך אַ זייער וויכטיקע דערשיינונג: עס איז גוואַלדיק אויסגעוואַקסן די סאָציאַל־פּאָליטישע קראַפט און דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון אַמעריקאַנער פאָלק, פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס.

דאָס זיינען אַלץ נ י י ע ע ל ע מ ע נ ט ן פון דער הייַנטיקער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט. זיי ווערן געוויינטלעך אַרומגענומען מיטן באַגריף „וועלפעיר־סטעיט״, מען קען זיי רופן פשוטער מיטן נאָמען „סאָציאַלע דערגרייכונגען״ — וויכטיקער ווי דער שטרייט וועגן נעמען, איז דער אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז אינם אַמעריקאַנער לעבן האָבן זיך באַוויזן נייע, פּראָגרעסיווע כּוחות און דערשיינונגען.

אַזוי ניי זיינען די דאָזיקע דערשיינונגען אויפן באָדן פון אַמעריקע, אַז נישט איינמאָל ווערן זיי פאַלש אָפּגעשאַצט. די גרויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען, דער דורכשניטלעכער לעבנס־סטאַנדאַרד, די עקאָנאָמישע זיכערקייט פון די מאַסן זעען אָפט אויס גרעסער, איידער זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט, און אין לעצטן סך־הכּל ווערט פאַר אונז אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַ כמעט שוין דערגרייכטן „סאָציאַליזם״. אַ ז אַ בילד, אַ ז אַ אָפּשאַצונג פונם אַמעריקאַנער פּראָגרעס איז שטאַרק איבערגעטריבן.

טראָץ אַלע גרויסע דערגרייכונגען זיינען נאָך פאַראַן אין אַמעריקע גאַנץ ברייטע מאַסן, וואָס פאַרדינען ווייניקער, און אָפטמאָל אַ סך ווייניקער, וויפל עס באַטרעפט דער נאָרמאַלער אַמעריקאַנער לעבנס־מינימום. אין 1937 האָט פּרעזידענט רוזוועלט אַרויסגעזאָגט די באַרימטע ווערטער, אַז „איין דריטל פונם אַמעריקאַנער פאָלק איז שלעכט דערנערט, שלעכט געקליידט און האָט שלעכטע וואוינונגען״. דאָס איז געזאָגט געוואָרן נאָך פיר יאָר פון רוזוועלטס „ניו־דיל״. הייַנט, ווען מיר האָבן הינטער זיך 17 יאָר פון „ניו־דיל״ און „פעיר־דיל״, אַ צייט־פּעריאָד, אין וועלכן עס גייען אויך אַריין די יאָרן פון דער הויכער ווירטשאַפטלעכער קריגס־קאָניוקטור, האָט זיך, אמת, די אַלגעמיינע לאַגע פון דער באַפעלקערונג פאַרבעסערט, די אָרעמקייט פון רוזוועלטס „דריטל״ האָט זיך פאַרקלענערט, אָבער זי איז ווייט נישט אָפּגעשאַפט. לויט פאַרשיידענע סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען און עקאָנאָמישע אויספאָרשונגען — לעבט הייַנט אומגעפער אַ פ ע ר ט ל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג (אַ צאָל בערך אַזוי גרויס, ווי די באַפעלקערונג פון גאַנץ פראַנקרייך!) אין גרעסערער אָדער קלענערער אָרעמקייט. נאַטירלעך, עס איז אַן אָרעמקייט לויט אַמעריקאַנער באַגריפן; אָבער אין יעדן לאַנד לעבן די מענטשן לויט די אָ ר ט י ק ע כּללים און באַדינגונגען. און אויב אין 1940 זיינען נאָך אין אַמעריקע געווען 25 פּראָצענט וואוינונגען אָן עלעקטרישן ליכט, און 30 פּראָצענט אָן וואַסער — איז דאָס ד אָ א י ן ל אַ נ ד, ביי די עקסיסטירנדיקע באַדינגונגען, אַ צייכן פון גענוג גרויסער אָרעמקייט.

לאָמיר נעמען אַ צווייטן ענין: די פראַגע פון באַשעפטיקונג און עקאָנאָמישער זיכערקייט פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. די דערגרייכונגען אין דער הינזיכט זיינען ווירקלעך גאַנץ באַדייטנדיקע. אָבער דאָס

הייסט נישט — ווי מאַנכע מיינען — אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט באַוויזן צו לייזן דעם פּראָבלעם פון קריזיסן, אַרבעטסלאָזיקייט; אַז ער האָט געפונען אַ וועג צו באַזאָרגן יעדן מיט אַרבעט און באַשעפטיקונג. דערויף זיינען פּשוט נישטאָ קיין גענוגנדיקע באַווייזן. נאָך דעם ריזיקן קריזיס פון 1932-1929 איז רוזוועלטן געלונגען צו פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט, אָבער ער האָט נישט באַוויזן זי צו באַזייטיקן. נאָך אַלע רעפאָרמען פונם „ניו-דיל" איז נאָך אין 1939 געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט. זי איז געוואָרן אָפּגעשאַפט נישט אויף אַ נאָרמאַלן וועג, נאָר אַ דאַנק דער קריגס-קאָניוקטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוליבן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. אַ פּאָר יאָר נאָכן סוף פון קריג האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַווייזן סימנים פון אַ ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע: עס האָט אָנגעהויבן וואַקסן די אַרבעטסלאָזיקייט; מען האָט גענומען ריידן וועגן אַ „קומענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס". אָבער די מלחמה אין קאָרעאָ האָט איבערגעריסן דעם „נאָרמאַלן" גאַנג פון דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט און האָט צוריק באַשאַפן אַ קריגס-קאָניוקטור. אַזוי־ערנאָך, האָט אַמעריקע זינט איר לעצטן קריזיס (1932-1929) נישט דורכגעמאַכט קיין איין איינציקן, פולן און נאָרמאַלן „צען-יאָריקן עקאָנאָמישן ציקל", וואָס זאָל קאָנען דינען כאָטש פאַר אַ שטיקל באַווייז, אַז דער רעפאָרמירטער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז באמת אַ קאַפּיטאַליזם אָן קריזיסן, אָן אַרבעטסלאָזיקייט.

אָבער דאָס וואָס דער רעפאָרמירטער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם גיט יאָ די ברייטע מאַסן, דאָס וואָס ער האָט אויפגעוועקט נייע כוחות און נייע האָפענונגען איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע — דאָס אַלץ איז דאָך פון אַן אומגעהויערער באַדייטונג, נישט בלויז צוליב די שוין פאַראַנענע דערגרייכונגען, נאָר אויך ווי אַ שטויס צום קאַמף פאַר נייע ברייטערע צילן.

די נייע כוחות און נייע דערשיינונגען פונם א. ג. „וועלפעיר-סטייט", וועלכע לעבן נאָך היינט בשלום מיטן קאַפּיטאַליזם, פאַרמאָגן אָבער אַן אינערלעכע לאָגיק און אַן אינערלעכן דינאַמיזם, וואָס מוז קומען אין אַ קאָנפליקט מיט די יסודות גופא פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם.

גרויל-פּראָפּאַגאַנדע

בכלל גענומען האָבן די גרויס-קאַפּיטאַליסטישע קרייזן נישט צוגעלייגט צו זייערע געשעפטן אין דער צייט, זינט ס'איז אויפגעקומען דער „וועלפעיר-סטייט". פאַרקערט, דער גרויס-קאַפּיטאַל („ביג ביזנעס"), און די קאָנצענטראַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט זיינען קיינמאָל נישט געווען אַזוי גרויס, ווי זיי זיינען ביים היינטיקן טאָג. פּראָדוקציע צוליב פּראָפיט — דער דאָזיקער הויפּט-עיקר פון קאַפּיטאַליזם ווערט אויך נישט באַזייטיקט דורכן „וועלפעיר-סטייט". עס ווערט אויך אין תוך נישט באַזייטיקט — נישט געקוקט אויף אַ געוויסן קאָנטראָל פון דער מלוכה —

דער אָליגאַרכישער געבוי און מאַכט־אַפּאַראַט פונם גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס וואַקסט ווייטער ווי אויף הייוון.

אָבער די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קרייזן האָבן מורא, אַז דער „וועלפעיר־סטייט" זאָל נישט ווערן אַ פאַרשטופּע צום סאָציאַליזם. דעריבער באַקעמפן זיי אים אויפן שאַרפסטן אופן. דעריבער גיבן זיי אויס צענדליקער מיליאָנען און אַנטוויקלען אַן אמתע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם „סאָציאַליזם", וועלכן טרומאַן גייט איינפירן. דער געוועזענער פּרעזידענט הואווער האָט אַפילו עפנטלעך דערקלערט, אַז טרומאַן פירט אַמעריקע צום „קאָלעקטיוויזם". מאַנכע פון דער דאָזיקער שיטה גייען נאָך ווייטער און מיאוסן זיך נישט צו שטעלן דעם ענגלישן דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן עקספּערימענט און די רעפאָרמען פונם „ניו־דיל" און „פעיר־דיל" אין איין רייע... מיטן טאָטאַליטאַרן קאָמוניזם. טרומאַן — סאָציאַליזם — קאָמוניזם — די גאָר רעאַקציאָנערע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע העצער מאָלן עס ווי אין ליניע, ווי איין געדאַנקען־גאַנג...

יעדן טאָג — און אַזוי שוין וואָכן־לאַנג — הערט מען אויפן ראַדיאָ, אַז סאָציאַליזם (אַזוי ווי ער ווערט געבויט אין ענגלאַנד!) איז אייגנטלעך דאָס זעלבע, וואָס קאָמוניזם. „אונטער סאָציאַליזם", אַזוי זאָגט מען אייך טאָג־טעגלעך, „שטאַרבט אָפּ די פרייהייט בלויז לאַנגזאַמער איידער אונטערן קאָמוניזם — אָבער זי שטאַרבט אָפּ אַלץ איינס". און געפּראַוועט ווערט אָט די רעאַקציאָנערע העצע צוליב . . . דעם געפלאַנטן מלוכהשן געזונט־הייט־שוץ, וועלכער באַדראָט כלומרשט די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. (אַז זי באַדראָט נאָר און אויסשליסלעך די מאַטעריעלע אינטערעסן פון געוויסע קאַפּיטאַליסטישע קרייזן, וועגן דעם מאַכן די פירער און געלט־געבער פון דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע אַ שוויג).

עס איז קלאָר: די רעאַקציאָנערע, גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קרייזן וועלן נישט אויפגעבן זייער קאַמף. זיי האָבן דערצו גענוג מאַכט, גענוג מיטלען, און נאַטירלעך — אויך גענוג קלאַסן־עגאָאיזם. אָבער אין זייער פאַרביסנקייט קומט אויך צום אויסדרוק אַן אַנדער מאָמענט.

די היסטאָרישע דערפאַרונג באַווייזט, אַז דער קאַפּיטאַליזם ק ע ן ווערן רעפאָרמירט און פאַרבעסערט — אָבער נאָר ביז אַ געוויסער גרענעץ. די דאָזיקע גרענעץ איז פאַרשיידן אין פאַרשיידענע לענדער. אין איין לאַנד קען דער קאַפּיטאַליזם „פאַרדייען" ברייטערע, אין אַן אַנדער לאַנד בלויז זייער מאָגערע סאָציאַלע רעפאָרמען. אָבער אויך אין בעסטן פאַל איז דער קאַפּיטאַליזם נישט אימשטאַנד צו געבן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק אַ פ ו ל ע סאָציאַלע זיכערקייט, ווייל דאָס וואָלט געמיינט, אַז די באַפעל־קערונג פון לאַנד לעבט אין אַ דויערהאַפטער מאַטעריעלער אומאָפּהענגיקייט פונם סאַמע גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. אַזאַ דערגרייכונג איז אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם נישט מעגלעך. זי ליגט אויף דער אַנדערער זייט פון דער אינערלעכער גרענעץ, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם קען נישט אַריבערגיין, — סיידן פאַרן פּרייז פון זעלבסטפאַרניכטונג. צו אָט דער גרענעץ פון סאָציאַלע רעפאָרמען וועט מוזן דערגיין אויך דער קאַפּיטאַ־

ליזם אין אַמעריקע. ווי שנעל דאָס וועט געשען, ביי וועלכן פּונקט, ביי וועלכער פאָדערונג פון „מער און מער" (אַ באַרימטע פראַזע פון סעמועל גאָמפּערס) — דאָס קען מען איצט נישט וויסן. אויף יעדן פאַל אָבער האָט די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע מורא „באַצייטנס". זי „וואָרנט", אַז אייך סאָציאַלע רעפאָרם ציט נאָך זיך אַ צווייטע. זי וויל אָפּשטעלן דעם „מאַרש צום סאָציאַליזם" איידער עס איז צו שפּעט, איידער די רעפאָרמירונג פונם קאַפּיטאַליזם איז דערגאַנגען צו דער לעצטער גרענעץ.

דער יסוד פון סאָציאַליסטישן גלויבן

עס באַקומט זיך אַ דראַמאַטישע לאַגע. אַ טייל פון לאַנד — די מער־הייט — פאַרלאַנגט פרייהייט, וואוילשטאַנד, עקאָנאָמישע זיכערקייט. אַ צווייטער טייל — עקאָנאָמיש אַ גרויסמאַכט, צאָלמעסיק אַ קליינע מינדערהייט, — שטעלט זיך די דאָזיקע פאָדערונגען אַלץ שאַרפער אַנטקעגן. איז מעגלעך אַ דויערהאַפטער סאָציאַלער גלייכגעוויכט פון די צוויי קעגנערישע לאַגערן?

געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג איז נישט פאַרגליווערט. נישט עס זיינען פאַרגליווערט די כוחות און עלעמענטן פון פּראָגרעס און נישט עס קען זיך האַלטן אין אַ פאַרגליווערטן צושטאַנד דאָס הייפל אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטישע ריזן. אָדער זיי — די קאַפּיטאַליסטישע טראַסטן, קאַרטעלן און מאָנאָפּאָלן וועלן באַהערשן די געזעלשאַפט; אָדער — די געזעלשאַפט וועט זיי באַהערשן. אין ע ר ש ט ן פאַל (הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן איבער דער געזעלשאַפט) האָבן מיר אַ געוויסע פאָרם פון אָליגאַרכיע, אויטאָקראַטיע, און אין לעצטן סך־הכל פון טאָטאַליטאַריזם. אין צ ו ו י י ט ן פאַל (הערשאַפט פון דער געזעלשאַפט איבער די מאָנאָפּאָלן און די פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון די שליסל־אינדוסטריעס) האָבן מיר אַזאַ אָדער אַנדערע פאָרם פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

אַ פּראָמינענטער פאָרשטייער פון דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי, אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, יאַן מיקאַרדאָ, האָט די דאָזיקע אַלטערנאַטיוו פאָרמולירט אין פאָלגנדיקע ווערטער: „דער פאַקטישער אויסוואַל, פאַר וועלכן עס שטייט די געזעלשאַפט, איז צווישן דעם סיסטעם פון ווירטשאַפט־לעכער קאָנטראָל, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט דורך דער רעגירונג, און דעם סיסטעם פון קאָנטראָל, וואָס ווערט אַרויפגעצוואונגען מצד דעם גרויס־קאַפּיטאַל (ביג־ביזנעס)". אָבער אַזוי ווי אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג דע־צידירט וועגן דער רעגירונג דאָס פ אָ ל ק — עס דעצידירט דאָקעגן נישט וועגן דער באַלעבאַטישקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, — איז באַגרינדעט דער אויספיר, אַז: „דער סיסטעם פון עקאָנאָמישער פּלאַ־נירונג און רעגירונגס־קאָנטראָל פאַרקלענערט נישט, נאָר פאַרגרעסערט די מאַכט פון דעם בירגער אין פראַגן פון זיין אייגענעם וואוילזיין".

לאָמיר רעזומירן:

הערשאַפט פון כלל איבער דער ווירטשאַפט, אָדער הערשאַפט פון אַ הייפל גרויס־קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטלער איבערן כלל — אַזאַ איז די

היסטאָרישע ברירה פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אין אַמעריקע. און ווייל עס איז אַזוי: ווייל די אמתע, די אייגנטלעכע (הגם נישט אויבנ־אויפיקע) ברירה איז נישט קאַפּיטאַליזם, קאָמוניזם, סאָציאַליזם, נאָר פאַשיזם, קאָמוניזם אָדער סאָציאַליזם; ווייל, מיט אַנדערע ווערטער, דער אויסוואַל, וואָס די געשיכטע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אונזער דור אויך דאָ אין אַמעריקע איז — אָדער דעמאָקראַטיע געבונדן מיט סאָציאַליזם, אָדער דיקטאַטור געבונדן מיט קאַפּיטאַליזם, צי קאָמוניזם; ווייל אַזאָ, און נאָר אַזאָ, איז דער אמתער אויסוואַל, קענען סאָציאַליסטן קוקן אין דער צוקונפט נישט בלויז מיט האָפענונג און וואונטש, נאָר אויך מיט גלויבן און אינערלעכער, גייסטיקער זיכערקייט. אַמעריקע — קענען מיר האָפן און גלויבן — וועט נישט אויסוויילן פאַר זיך דעם וועג פון דיקטאַטור, פון קיין שום דיקטאַטור! זי וועט גיין ווייטער מיטן וועג פון דעמאָקראַטיע. און היינט־צו־טאָג פירט דער וועג פון דעמאָקראַטיע — פון דער אמתער, נישט פון דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" — נאָר אין איין ריכטונג, נאָר צו איין ציל: צו אַן אָרדענונג פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

***

דאָס איז אונזער ענטפער אויף דער גרויסער פראַגע: צי אַמעריקע קען בלייבן קאַפּיטאַליסטיש, אויב זי וועט וועלן בלייבן — ווי מיר אַלע האָפן — דעמאָקראַטיש.

סאָציאַליזם אָן סאָציאַליסטן?

אָבער אויב ס'איז אַזוי גוט, פאַרוואָס איז אַזוי שלעכט? „גוט" — מיינט דאָ די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, „שלעכט" — די איצטיקע לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו באַזייטיקן דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך?

די גרויסע מערהייט פון דער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַשטייט היינט פון לוין־אַרבעטער — פיזישע און גייסטיקע. מיט יאָרן צוריק האָבן העכער 80 פּראָצענט פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג געאַרבעט פאַר זיך, מיט אייגענע פּראָדוציר־מיטלען; בלויז אַ קליינע צאָל זיינען דאַן געווען „אָפּהענגיק פון יענעם" (ציפערן פון 1820). היינט איז די פּראָפּאָרץ פונקט אַ פאַרקערטע: העכער 80 פּראָצענט אַרבעטן „ביי יענעם". די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז איצט אין אַמעריקע אַזאַ גרויסע, אַז — אויב זיי ווילן — קענען זיי רעאַליזירן די צילן פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם אויף אַ דעמאָקראַטישן, קאָנסטיטוציאָנעלן וועג. פאַרוואָס זיינען דאָ צווישן זיי אַזוי ווייניק סאָציאַליסטן?

עס זיינען ביז איצט געגעבן געוואָרן אַ סך אויפקלערונגען אויף דער פראַגע וועגן דער שוואַכקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און צו באַטראַכטן דעם דאָזיקן פּראָבלעם אין זיין גאַנצער ברייט וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט. לאָמיר דאָ בלויז דערמאָנען איינע פון די צום מערסטן פאַרשפּרייטע טענות. דער סאָציאַליזם, זאָגט מען,

איז פאַר אַמעריקע „אַן אויסלענדישע סחורה“, די טרייד־יוניאָנס דאַקעגן זיינען יאָ „אַן אַמעריקאַנער ענין“. אין אַט דער באַהויפּטונג פעלט אַ וויכטי־קער מאָמענט. מען פאַרגעסט, אַז ביז מיט אַ 20 יאָר צוריק זיינען אויך די טרייד־יוניאָנס געווען פרעמד דער איבערוועגנדיקער מערהייט פונם אַמערי־קאַנער אַרבעטער־קלאַס. זייער סימפּטאָמאַטיש זיינען אין דעם פּרט די פאַלגנדיקע פאַר ווערטער, מיט וועלכע דער „מאַנטלי לעיבאָר רעוויו“, דער אָפיציעלער אָרגאַן פונם לייבאָר־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן, פאַרענדיקט (אינם נומער פון יולי, 1950) אַן אַרטיקל וועגן 60 יאָר פאָליטישע שטרייטן אין דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג:

„איבערן גאַנצן לאַנד, פון דובינסקין ביז דינגוועלן (אַן אַרטיקער באַאַמטער אין אַן „אַמאַלגאַמייטעד לאָקאַל“ אין לאַנסינג, מישיגען — ע. ש.), איז דער יוניאָניזם שוין נישט פרעמד אין אַמעריקע און ער האָט געוואונען אַ חשובן אָרט און אַ גוטן נאָמען ביי דעם קאָנפערענץ־טיש פון דער אַמערי־קאַנער געזעלשאַפט...“ צי איז וויט דער מאָמענט, ווען אויך דער סאָציאַליזם וועט מער נישט טראָגן די צוגעטשעפּעטע מאַרקע פון כלומרשטער „פרעמד־קייט“ און „אויסלענדישקייט“? קומט איצט נישט פאַר אַ געוויסע ווענדונג אין דער דאָזיקער ריכטונג? זעען מיר נישט, ווי וויכטיקע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, וועלכע זיינען, אַגב, פריער אויך באַטראַכט געוואָרן פאַר „פרעמד דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער“, האָבן פלוצלונג זוכה געווען צו ווערן אַן עלעמענטאַרער טייל פונם „אַמעריקאַנער לעבנסוועג“ (סאָציאַלע פאַרזיכערונ־גען א. אַ.)?

דערווייל אָבער האָט די שוואַכקייט פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, און פון דער אַנדערער זייט די פּאָפּולאַריטעט פון אַ רייע סאָציאַליסטישע פאָדערונגען און אידעען (צ. ב. די לאָזונג פון עקאָנאָמישער זיכערקייט), אַרויסגערופן אַ נייע פראַגע: צי קען נישט אין אַמעריקע גע־בויט ווערן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אויך אָן סאָציאַליסטן?

דער געדאַנק וועגן „סאָציאַליזם אָן סאָציאַליסטן“ זעט אפשר אויס גאַנץ לאָקנדיק ביי דער איצטיקער לאַגע פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער עס איז נישט קיין אויסוועג פון דער דאָזיקער לאַגע. די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע אָרדענונג, צו וועלכער מיר שטרעבן, קען אַנט־שטיין און עקזיסטירן נאָר מיטן ווילן און הסכם פון דער מערהייט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט. סאָציאַליזם קען נישט זיין קיין אויטאָמאַטישער פּראָדוקט נאָר פון אָביעקטיווע באַדינגונגען. צו זיין פאַרווירקלעכונג איז אויך נויטיק סוביעקטיווער ווילן און באַוואוסטזיין. עס זיינען נויטיק — סאָציאַליסטן. עס זיינען נויטיק מ אַ ס ן — מאַסן וועלכע דאַרפן ערשט געוואונען ווערן פאַרן סאָציאַליזם.

אָבער ביי די היינטיקע אַמעריקאַנער באַדינגונגען (אין קאַנאַדע איז אין דעם פּרט אַן אַנדער לאַגע) איז נישט מעגלעך צו געווינען פאַרן סאָציאַ־ליזם די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן נאָר אויף אַ דירעקטן וועג, ד. ה. נאָר דורך דער עקזיסטענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (און דאָס זעלבע איז ריכטיק לגבי די אַנדערע

סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס דאָ אין לאַנד) איז נישט קיין מאַסן־פּאַרטיי. זי איז נישט פאַרבונדן מיט די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס, די טרייד־יוניאַנס. צוליב דעם אַליין איז זי אַ נישט גענוגנדיקער און צו שוואַכער אינסטרומענט פון פּראָפּאַגאַנדע און פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. פאַרן ווייטערדיקן פאָרטשריט פון די אַמעריקאַנער אַר־בעטנדיקע מאַסן, פונקט ווי פאַרן דערפאָלג פון אונזער אייגענער סאָציאַ־ליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און פּאָליטיק, איז נויטיק — אַ גרויסע מאַסן־פּאַרטיי פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס.

מיר קומען דערמיט צו איינער פון די שווערסטע פראַגן פון דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק: דער פּראָבלעם פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָדער „אַרבעטער־ און פאַרמער־פּאַרטיי", אָדער, קורץ, „דריטע פּאַרטיי".

דריטע פּאַרטיי

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַמאָל אַליין געוואָלט זיין אַ מין דריטע פּאַרטיי. זי איז עס, אַגב, ביז אַ געוויסן גראַד געווען אין דער בלי־צייט פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער יענע צייט איז אַריבער. א י צ ט קענען די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן קיין דריטע פּאַרטיי נישט אויסבילדן. אַזאַ פּאַרטיי קען היינט באַשאַפן ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן נאָר דורך די טרייד־יוניאַנס.

צי איז אָבער נישט אַ פּאַרטיי פון טרייד־יוניאַנס ערגער איידער אַ ריין־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי? די דאָזיקע פראַגע קען נישט אָפּגעפּסקנט ווערן אויף איין אופן פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע באַדינגונגען. אָט איז די ענגלישע אַרבעטער־פּאַרטיי דער עיקר אַ פּאַרטיי פון טרייד־יוניאַנס און זי באַווייזט צו בויען אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין איינעם פון די גרעסטע לענדער פון דער וועלט. אָבער וואָס עמיצער זאָל נישט טראַכטן וועגן אַ פּאַרטיי פון טרייד־יוניאַנס, איינס זעט אויס צו זיין זיכער: דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קען היינט אַ דריטע פּאַרטיי געבויט ווערן אָדער דורך די טרייד־יוניאַנס, — אָדער עס וועט נישט זיין קיין דריטע פּאַרטיי. און אַלע אָדער כמעט אַלע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן שטייען דאָך אויפן שטאַנדפּונקט, אַז אַ דריטע פּאַרטיי איז נויטיק.

ליידער האַלטן נאָך נישט דערפון די פאַקטאָרן וואָס זיינען אין דעם פּרט מאַסגעבנדיק: די פירער פון די טרייד־יוניאַנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקאַנער טרייד־יוניאַנס גייען נאָך אַלץ אויפן וועג פון „שטראָפן די פיינט און באַלוינען די פריינט". איצט אָבער ווערט פאַר דער אַרבעטער־שאַפט וואָס אַמאָל שווערער צו דערגרייכן וויכטיקע זאַכן דורכן אַלטן וועג. אַ בולטער באַוויז דערפון איז דאָס נישט אָפּשאַפן דעם טעפט־האַרטלי־געזעץ.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטייט היינט אין דער פראַגע פון אַ דריטער פּאַרטיי אין מיטן וועג. זי לייקנט מער נישט די נויטיקייט פון איר אַקטיוון אָנטייל אינם פּאָליטישן קאַמף פון לאַנד. זי האָט שוין אַפילו אַ געוויסע אייגענע פּאָליטישע ליגיע בנוגע די וויכ־

טיקסטע פּראָבלעמען פון אַרבעטער־לעבן. אָבער איר ליניע און פּאָליטיק
איז נאָך ווייט פון זעלבשטענדיקייט. זי ווערט דורכגעפירט דורך נאָכגיין
נאָך דער פּאָליטיק פון די בירגערלעכע פּאַרטייען, נישט מיט דער הילף פון
אַן א י י ג ע נ ע ם אינסטרומענט, פון אַן א י י ג ע נ ע ר אַרבעטער־
פּאַרטיי. עס איז אָבער נישט וואַרשיינלעך, אַז די באַוועגונג זאָל קאָנען
בלייבן שטיין אויף איר איצטיקן פּונקט פון נישט אַהין און נישט אַהער.
די געשיכטלעכע אַנטוויקלונגס־טענדענץ פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־
באַוועגונג — ביים היינטיקן טאָג מיינט דאָס די טרייד־יוניאָנס — איז אַ
קלאָרע: פון פּאָליטישער פּאַסיווקייט איז זי אַריבער צו אַקטיווער פּאָליטיק.
זי וועט מוזן דערגיין צו ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק ע ר פּאָליטיק. און פון
זעלבשטענדיקער פּ אָ ל י ט י ק איז בלויז איין שריט צו אַ זעלבשטענדי־
קער פּ אַ ר ט י י.

עס איז נישט מעגלעך אויפצוהייבן דאָ איצט די לעצטנס פיל דיס־
קוטירטע פראַגע: צי איז נישט בעסער צו דעראָבערן די דעמאָקראַטישע
פּאַרטיי און פאַרוואַנדלען זי אין אַן אינסטרומענט פון אַ זעלבשטענדיקער
אַרבעטער־פּאָליטיק? גוט וואָלט עס געווען, נאָר איך גלויב נישט אין דער
דאָזיקער מעגלעכקייט. יאָ, מען קען אַריבערציען אויף דער זייט פון דער
אַרבעטער־באַוועגונג געוויסע עלעמענטן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.
אָבער אין אַ גרעסערער צאָל, אויף שטענדיק און אויף זיכער קען מען זיי
געווינען ערשט נ אָ ך ד ע ם ווי עס וועט באַשאַפן ווערן אַ גרויסע,
שטאַרקע פּאָליטישע מאַסן־פּאַרטיי פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און אַנ־
דערע שיכטן פונם אַרבעטנדיקן פאָלק. נאָך אַ געוויסער צייט קען זיך
דאַן דאָ אין אַמעריקע באַשאַפן אַן ענלעכע לאַגע ווי אין ענגלאַנד: צ ו ו י י
ג ר ו י ס ע פּאַרטייען, איינע אַ ריין קאַפּיטאַליסטישע, די צווייטע אַן
אַרבעטער־פּאַרטיי, און אין דער מיטן — אַ קלענערע פּאַרטיי, פון נישט־
דעצידירטע. בכלל, דוכט מיר, זיינען פאַראַן — ביי אַלע אונטערשידן —
אויך גרויסע ענלעכקייטן אין די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון דער אַרבעטער־
באַוועגונג אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. און מיר דאַרפן זיך ריכטן דע־
רויף, אַז אין דער צוקונפט וועלן זיך די ענלעכקייטן נאָך פאַרגרעסערן און
פאַרשטאַרקן. אַזוי, למשל, איז דער אַמעריקאַנער „וועלפעיר־סטייט” אידעאָלאָ־
גיש אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ קינד פון ענגלאַנד. און דער איינפלוס פון
דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי און פון איר גרויסן, היסטאָרישן אויפטו
וועט, מיין איך, אויך זיין צווישן די פאַקטאָרן, וואָס וועלן שטויסן די אַמע־
ריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג צו דער אויסבילדונג פון אַן אייגענער פּאַרטיי.

מיר דאַרפן נישט האָפן, אַז אַזאַ פּאַרטיי וועט באַלד אין אָנהויב זיין
קלאָר־סאָציאַליסטיש. מעגלעך, אַז זי וועט אין דער ערשטער סטאַדיע
אַפילו נישט אָננעמען קיין אָפענע שטעלונג קעגן קאַפּיטאַליזם. אויך אין
דער ענגלישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט עס געדויערט — און אַפילו לאַנג
געדויערט — ביז זי איז געוואָרן אָפן און קלאָר אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש און
סאָציאַליסטיש. אָבער מיט דעם מאָמענט, ווען אַזאַ פּאַרטיי וועט אין אַמע־
ריקע געשאַפן ווערן, וועט זי אויף אַ נאַטירלעכן אופן, און האָפנטלעך שנע־

לער ווי אין ענגלאַנד, געשטופּט ווערן אויפן וועג פון אַ סאָציאַליסטישער פּאָליטיק.

די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, און מיר ווי אַ טייל פון זיי, האָבן אין דער הינזיכט אַ וויכטיקע אויפגאַבע. לויט אונזערע מעגלעכקייטן — וועלכע זיינען נישט גרויס, אָבער זיי זיינען גרעסער ווי זיי ווייזן זיך אַרויס — מוזן מיר מיטווירקן מיט אַלע עלעמענטן, וואָס שטרעבן צו דער באַשאַפונג פון אַן אומאָפּהענגיקער דריטער פּאַרטיי. אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין איינגע־שטעלט, לכל הפחות פּאַקטיש, קעגן קאַפּיטאַליזם, קעגן קאָמוניזם, און זאָל זיך שטעלן די אַלע גרויסע סאָציאַלע און דעמאָקראַטישע צילן, וואָס גייען אַריין אין דעם תוך פון אונזער גאַנצן וועלט־באַנעם.

דער סאָציאַליסטישער קאַמף פאַר אַ דריטער פּאַרטיי קען אָבער נישט פּאַרקומען ביחידות: יעדער סאָציאַליסט זאָל מאַכן שבת פאַר זיך און לויט זיין איינזען טאָן — אָדער גיכער נישט טאָן — וואָס מען דאַרף. אונטער אַלע אומשטענדן מוזן מיר האָבן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג. און אויב זי מוז זיין דערווייל קליין און שוואַך, איז בעסער אַ קליינע און אַ שוואַכע סאָציאַליסטישע באַוועגונג — איידער גאָר נישט!

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געוויס אַן אָרט אינם אַמעריקאַנער לעבן אין דעם א י צ ט י ק ן מאָמענט, בעת עס עקזיסטירט נאָך נישט קיין דריטע פּאַרטיי, די מאַסן־פּאַרטיי פונם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס. אָבער א ו י ך נ אָ כ ד ע ם, ווי אַזאַ פּאַרטיי וועט אַנטשטיין, וועט די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי האָבן פאַר זיך אַ וויכטיקע ראָל און אויפגאַבע. זי וועט דאַן דאַרפן זיין אַ באַשטאַנד־טייל פון דער גרויסער פּאַרטיי. זי וועט פון אינעווייניק — אין די ראַמען פון דער באַוועגונג — אַגיטירן, פּראָפּאַגאַנדירן און קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. זי וועט דאַרפן זיין אַן אינערלעכער, לאָיאַלער, סאָציאַליסטישער אַוואַנגאַרד פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג. און אַזוי ווי די אָביעקטיווע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון אַמעריקע גייט דאָך בכלל, ווי מיר האָבן געזען, אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, וואָלטן דורך אַ דריטער פּאַרטיי — צום ערשטן מאָל נאָך אַ לאַנגן איבעררייס — געשאַפן געוואָרן אויך גינסטיקע אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר אַ דערפאָלגרייכער סאָציאַליסטישער טעטיקייט.

פאַראייניקונג פון דער אַלגעמיינער און יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

ביים היינטיקן טאָג ווערן די אַזוי אויך גענוג קנאַפּע מעגלעכקייטן פון דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט נאָך מער פאַרקלענערט דורך דער צעשפּליטערונג פון די שוואַכע סאָציאַליסטישע כוחות. זייער פאַראייניקונג איז איצט די נאָענטסטע און פּראַקטישסטע אויפגאַבע פון די סאָציאַליסטן אין אַמעריקע.

עס איז שוין אין אונזערע רייען פיל גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן דער פאַראייניקונג פון דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין

אַמעריקע — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּע־דעראַציע. אונזער מיינונג אין דער פראַגע איז קלאָר און דייטלעך. מיר זיינען פאַר דער פאַראייניקונג! און נישט מיר אַליין זיינען דערפאַר. די מער־הייט מיטגלידער פון די ב י י ד ע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס — ס. פּ. און ס. ד. פּ. — איז פאַר פאַראייניקונג. זי האָט געשטימט דערפאַר. אָבער צוליב דער שטעלונג פון איין צד — די ס. ד. פּ. — ווערט די פאַר־אייניקונג נישט אַדורכגעפירט.

צום סוף די לעצטע פראַגע: די פאַראייניקונג פון דער יידישער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

זינט העכער דריי יאָר, זינט דער אַנטשטייאונג פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק, דערקלערן מיר כסדר און מיר זאָגן עס מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט: מ י ר ו ו י ל ן ד י פ אַ ר אַ י י נ י ק ו נ ג פון די צוויי קרובהשע יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע — די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ און פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

מיר ווילן די דאָזיקע פאַראייניקונג מיטן גאַנצן הארצן! אונזער אייב־ציקער פאַרלאַנג דערביי איז — בונדישער המשך! דער נאָמען „בונד“, און דאָס וואָס דער דאָזיקער דורך מאַרטירער־בלוט געהייליקטער נאָמען רע־פּרעזענטירט, דאַרף ווייטער געטראָגן ווערן דורך דער פאַראייניקטער יידי־שער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע — היינט און פאַר די צו־קונפטיקע דורות.

מיר ווייסן, אַז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אַ סך בונדיש געשטימטע עלעמענטן. מיר שעצן די חברישע באַציאונג צום „בונד“ און בונדיזם מצד דעם אַרבעטער־רינג, דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, און אַ רייע טרייד־יוניאָנס. מיר זיינען און בלייבן פאַרבונדן מיט די דאָזיקע גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, הגם נישט מיט אַלע זייערע באַשלוסן און האַנדלונגען זיינען מיר מסכים. און מיר געדענקען שטענדיק, אַז אויך מחוץ אונזערע אָרגאַניזאַ־ציאָנעלע רייען, און באַזונדערס טאַקע אינם יידישן סאָציאַליסטישן פאַר־באַנד, געפינען זיך חברים, פאַר וועלכע דער „בונד“ איז הייליק און טייער.

ווילן מיר מיט די אַ חברים און פריינט דערפילן געמיינזאַם אַ הייליקן חוב. אַ חוב, וועלכן עס האָבן אונז איבערגעלאָזט בירושה — די פון טרעבלינקע און די פון מיידאַנעק, די פון וואַרשעווער געטאָ און די פון קוּבישעוו... און אויך די פון ניו־יאָרק... אַ חוב, וואָס הייסט:

קאָנטינואיטעט פון „בונד“!
קאָנטינואיטעט פון בונדישן נאָמען און גייסט!
אַ נאָמען און אַ גייסט, וואָס טאָרן נישט אונטערגיין!

די פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי וועט גיכער געפינען אַ קאָנ־טאַקט און פאַרבינדונג מיט דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. זי וועט קאָנען ענערגישער ווירקן לטובת אַ דריטער פּאַרטיי. זי וועט גיכער דערפילן די אויפגאַבן, וואָס עס לייגט אַרויף אויף דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן די פריער אַנגעוויזענע עקאָנאָמישע און סאָציאַל־פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.